## ערנעסט העמינגוועי

(לייענענדיק זיין דערציילונג „דער אַלטער און דער ים“

די שענסטע חיה, די שטאַרקסטע, ווילדסטע,
אַוועקגעלייגט מיט זיין לעצטן שאָס!
וואָס צאָן פון הייפיש, גראַטשעס פון טיגער,
קייגן שאַרף־געשפיצטן שליף פון אות?

ראַנגלען זיך מיט אַ לייב, מיט אַ מזל־שור — —
בלויז בייקומען דאָס מאַזאַליעס וואָרט?
גאַנצע טשאַטעס כאַרט־הינט רינגלען׳ס אַרום,
אָן שרעק ס׳שטייט און רירט זיך נישט פון אָרט.

וויפיל הערשן־הערנער אויף זיינע ווענט,
טיגער און בערן־פעלזן אויף דיל — —
אות, הויך אויפגעפלאַטערטער אַדלער־בליק,
מיט איין שאָס געטראָפן גלייך אין ציל.

נישט פליגל־פעדערן, אויסגעשטאָפטע,
אַריינצוזעצן גלעזערן אויג —
אותיות פון פעדערן אויפגעשריבן,
אויף ברעג אויסגעלייגט ים־פיש רויג.

ווינטן־כוואַליעס לינירן זיך שורות,
עס ציקלט די טריט דער אַלבאַטראָס — —
פאַרהוילן ליכט אין אויסגעהוילטן בליק,
לבנהש פאַרטיפט, כ׳לייען אות נאָך אות:

„אַלץ געווען אַלט אין אים, נאָר נישט זיין אויג“,
און ווי אַלט־קלוג ס׳זיינען זיינע הענט!
אַזוי אַדורכוואָרטלען זיך מיט די פיש
ס׳האָט דער הייליקער פראַנס קוים געקענט.

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 9־358) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר אויג.־סעפּ. 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט:

„ויבין כל יצור כי אתה יצרתו“, „שלא יכשלו בלשונם“, גרענעצן תשכ״ב ** 1
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער פּאַראַדאָקס פון עקדת יצחק) ..........
י. ריכטיגער 4
„ממעמקים קראתיך ד׳“ (ליד) .......... שמואל ווהייט 9
דאָס אומגליק (דערציילונג) .......... יהודה ביעטש 9
ביים ים (אַמאָל און היינט) .......... משה בעקערמאַן 16
ביים ים, אָסיען־וואַלד־סימפאָניע (לידער), די מעשה מיטן בער (המשך)
א. נ. שטענצל 18
קולטור ידיעות .......... .......... 51
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָג .......... 51

פריינט פון יידיש לשון

**גראַנדיעזער שמחת־תורה באַל**

טאַנץ און געשמאַקע יידישע מאכלים

שבת, דעם 7׳טן אָקטאָבער 7.30

אַדלער האָל אַדלער סטר., א.1.

**פּרייז 2 שילינג**

אַבאָנאָמענט־פּרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

די רעדאקציע „לשון און לעבן" ווינשט אירע מיטאַרבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

יהודה ביעטש, פרוי און טאכטער, ווינטשן זייער משפחה ברידער און שוועסטער, פריינט און באקאנטע, בכל מקום שהם א שנת חיים ושלום און א כתיבה וחתימה טובה.

מנשה ווייסגראס און פאמיליע ווינשט זיין פאמיליע, פריינט און בעקאנטע א געזונט און גוט יאר.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפּחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראנד־פאלעי־טעאַטער און באזינדער מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפל, אין סאדערן ראַדיש־אַ, אַ כתיבה וחתימה טובה.

מילי באריס ווינשט אירע קינדער, פריינט און בעקאנטע, ספּעציעל די פריינט פון „לשון און לעבן" א גוט געזונט יאר.

דער קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון" ווינשט זיינע מיטגלידער אַ כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאַראָדיצקי בר כוכבא און כרמל, פון פאַרלאַג און דרוקעריי „די נאַראָר פרעס" ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים אין פריינט, אַנגעשטעלטע און קליענטן.

צו אלע אונזערע פריינט — א „שנת חיים ושלום" — א. מ. קייזער און פאמיליע.

לשנה טובה תכתבו! די בעסטע ברכות צום נייעם יאר מיין ברודער אהרן שוועגע־רינס, פלימעניקס און פלימעניצעס אין בריסל, תל־אביב, טאראנטא, זייערע פרויען און קינדער. די קאלעגן און „פריינט פון יידיש לשון", דער יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן־פאריין אין לאנדאן; די ה"ה רע־דאקטארן און מיטארבעטער פון די יידישע צייטונגען אין תל־אביב, ניו־יארק, ארגענ־טינע, בראזיל, יאהאנעסבורג, פאַריז און לאנדאן. — ש. י. הארענדארף און פרוי.

דער דיכטער שמואל און אסתר וואהייט — ווינטשן זייער פאמיליע, פריינד און כלל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

כ'ווינטש אַ כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינט — משה דאָמב.

אליה פּאָלושאָק ווינטשט זיינע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר.

יהושע פאדרא ווינטשט זיינע פריינט און באַקאַנטע אַ לשנה טובה.

משה בעקערמאַן און פרוי ווינטשן משפחה, פריינט אין ענגלאנד, פראנקרייך, פוילן און אמעריקע און כל ישראל איאר פון געזונט, פרנסה און א פריעדלעך לעבן.

עלי זילבערג ווינשט א געזונטן און גליק־ליכן יאר צו איר ט״ערן ברודער און זיין משפחה צו אלע פריינט פון אידישן לשון לשנה טובה תכתבו.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פריינט אין לאנדאן א גוט יאר.

לשנה טובה צו אלע פריינד און יידן בכלל אין דער גאנצער וועלט ווינשט מר. און מרס. פאדאלסקי.

מאָריס מינדעל און פרוי ווינטשן אַ גוט געזונט יאָר זייער משפחה און זייערע פריינט.

ל. ביילי — איך ווינטש מיינע קינדער און אייניקלעך אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איער מאן איין גוט און געזונד יאר.

י. ט. לאָקער — א גליקלעך יאָר מתוך שלום ושלווה אלעמען.

חיים גרשון אבערמאן און פרוי ווינשט אלע מתפללים פון דער נעלסאן שול און רבי שפעטמאן א כתיבה וחתימה טובה.

סעם גולדבערג און ווינאגראד ווינשט אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

ווילי טרענער און פאמיליע ווינשט אלע זיינע פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

בן צבי בערנשטיין ווינשט זיין טאכטער און אלע פריינד פון „לשון און לעבן" און בעקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

פרוי סאָכאָטשעווסקי ווינשט אַלע פריינט און פאַמיליע אַ געזונט פריידיק יאָר. צום אנדענק פון סאכאטשעווסקי ע.ה. קאָנט איר באַקומען ביי מיר ביליק זיין לעצט בוך.

עמנואל געלער, פרוי און טאָכטער ווינטשן אַ גוט יאָר זייער משפחה און פריינט.

שלמה ראָזענפּאָרב ווינטשט קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

מיכאל לידור און פרוי ווינטשן זיירע עלטערן און שוועסטערן אין לאנדאן און אין ישראל און אַלע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 9־358) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר אויג.־סעפּ. 1961 לאָנדאָן


## „ויבין כל יצור כי אתה יצרתו"

נישט דער פובליציסטיש־זשורנאַליסטישער יללה־געקלאָג און נישט דער קאָנוולסיווער בהלה־אַנלויף פון די לעגאַלע־און בלוט־יורשים: „יידיש שטאַרבט, יידיש איז טויט", נאָר דער תשובה־און וידוי־געפּרעפּל און דער טויט־מאָטיוו אין דער יידישער דיכטונג אין די לעצטע יאָרן איז חס־ושלום דער סימפּטאָם —

אויב מען פּרעפּלט רק ווייבערשע מענה־לשון־תחינות, אויב דער נאָמען גאָט ליגט רק כסדר אויף די זינדיקע ליפּן, שמעקט עס שוין אפנים טאָקע מיט בית־הקברות־בלעטלעך.

איז אָבער פון אונזער זייט דער אחריות־אינסטינקט, די שרעק חלילה פאַרן פאַרשניטענעם יידישן פאָלק נאָך דעם גרויסן חורבן, דער כאַאָס אויף דער יידישער גאַס, דער וועט־געלויף פון די אַוועק־לויפער און דער האַזאַרט פון די מיט־לויפער, פאַרוואָס מיר שטעלן אַלץ אויף איין קאָרט: „נצח ישראל לא ישקר" — טויט אָדער לעבן: „עם ישראל חי!"

ווי טרויעריק, ווי נעבעכדיק מוז אַזאַ מין רעקוויעם־דיכטונג אויסזען אין די אומשטערבלעכע אויגן פון דער אייביקייט, אין די אויגן פונם קליינסטן גרעזעלע, פונם מלאך וואָס שטייט אונטער יעדן מינדסטן און שרייט: „וואַקס, וואַקס — —"

יא, מיר טון אונזער דינסט, מיר וועלן ווייטער טון די עבודה, אָבער דער גרונד־טאָן מוז פון איצט אָן און ווייטער זיין דער ריטם אין דער אייביקייט אַריין — די שפחה האָט איר אַרבעט געטון, אבער זי מוז ווייטער גיין! — מיר טאָרן נישט פאַרלירן איבער דער חיי שעה דעם „חיי עולם נטע בתוכינו".

עס איז נישט מער קיין „שעת חירום, וואָס איבערן מינדסטן שנורוואָדלע־מנהג איז יהרג ועל יעבור": דער טראָפּ טאָר מער נישט געלייגט ווערן, נאָר אויף דעם טיפּה־סריחה־טראָפּ פונם ביסעלע לעבן . . .

שוין, די שול־יידן זיינען שוין באַזאָרגט מיט „סיטס" אין די סינאַגאָגעס, דער „כל־נדרי־אפּיל" איז דער קול־שדי, פון די פעטע רבישע קוגלען רינט עס איבער די אויסגעפּרעסענע גלאַטע געמבעס פון ניו־יאָר ביז יאָהאנעסבורג, די לובעוויטש־פילאָסאָפיע האָט שוין קאַטעדרעס פון דרום־אפריקע ביז מעל־באָרן — — עס איז שוין די לעצטע צייט, אז מיר זאָל צוריק דערפילן דעם קאָסמאָס אויף אונזערע פּלייצעס, נישט ווייניקער ווי דעם „יידישקייט"־עול, ווידער דערזען דאָס מינדסטע גרעזעלע, נישט נאָר דעם מלאך וואָס שטייט דערונטער און שרייט: „לעב! לעב!!"

מיר קאָנען עס זיך שוין דערלויבן: אונזער יידישע מלוכה אין ישראל

איז נישט וויניקער געפעסטיקט שוין, ווי די שטאַרקסטע מדינה אין מיטל־אזיע, אונזער פאָלק אין אַלע טיילן פון דער גאָרער וועלט איז אין דער אַטאָם־געפאַר נישט וויייניקער נישט־געזיכערט, פון די שטאַרקסטע פעלקער — —

אָבער וואָס וועט ווערן מיט שטילן וואָרט וואָס ווערט דערשטיקט אינם שפאָלט פונם צעבראָכענעם האַרץ? און וואָס זאָל ווערן מיטן טיפן רעיון, מיט דער הויכער מחשבה, אז עס איז נישט דאָ מער דער גאָלדענער קייט־גערענגל אין יידישן מוח: אַטעאיזם, פאַנטעאיזם, מאָנאָטעאיזם?

אַן עגל המשולש טאַנצט צעקלונגען מיט תציל־ממות־פושקעס פאַר־אויס און אַ קראָקאָדיל־קאַדריל פון הינטן: יידיש איז טויט, יידיש איז געשטאָרבן —

באמת דאָס געביל פון הינט קייגנאיבער אַ פגימהדיקער לבנה גייט ריטמישער און אומשטערבלעכער אין דער אויביקייט אַריין ווי אזא חיי שעה: הב־הב, הב־הב!!

אונזער ליטעראַטור מוז צוריק ווערן פנמיותדיק פאַרטיפט, און פניה־לאָז פאַרבונדן מיט יעדן מינדסט דוממל און בריאהלע צו דערהויבן צוריק דאָס יידישע שעפערישע וואָרט צום אינטימען געפיל: „ויבין כל יצור כי אתה יצרתו“.

## „שלא יכשלו בלשונם“...

צום דערשיינען איצט פון דעם סאָוויעטישן יידישן זשורנאַל ווילט זיך קודם־כל די יעלה־שרייערס, וואָס פאַרשרייען אים נאָך איידער ער איז אַרויס, דערציילן דאָס פאָלקלאָר־מעשהלע: דער אור זריעה איז געווען אַ מסור, האָט ער געמסרט די 9 גרעסטע צדיקים פון ירושלים, פאַרן הענגען זיינען זיי געזעסן און תפיסה, צו „כל נדרי“ איז ער אַריינגעקומען אין תפיסה אַריין משלים זיין זייער מנין, און „דערפאַר איז ער געוואָרן דער „אור זרועה לצדיק“ — — —

מיר אָבער ווען דאָס קול פון די סאָוויעטישע פאָעטן וועט זיך ווידער דער־הערן אין אונזער „כל־נדרי“־כאָר, וועלן מיר נישט זאָגן דעם „אנו מתירין להת־פלל עם העברנים“ — חלילה! מיר וועלן הנני־העניִדיק שעפטשען: „שלא יכשלו בלשונם“. מיר וועלן בעטן, אז אונזערע שווער אויסגעהקטע קאָנטיקע אותיות, אונזערע אותיות־מרבעות אַרויסגעהאַקט פון די „עשרת־דברות“־לוחות אַרויס, זאָלן זיך אין זייערע שעפערישע הענט צוזאַמענשטעלן אין פנימותדיקע און פניה־לאָזע אנוכי־ווערטער. מיט די עשרה הרגי מלכות איז די עבודה אריין אין דער אייביקייט פון אונזער מחזור, מיט די צען מאָל צען הרגים על שם קדשיך איז דאָס סאָוויעטיש־יידישע שאַפן אַריין אין דער אומשטערבלעכקייט פון אונזער געלייטערטן יידישן וואָרט.

און דאָס אליין, אז אין איצטיקן מאָמענט, אין דער אַטאָם־און קאָסמאָס־עפּאָכע אין סאָוויעט־רוסלאַנד, גייט ווידער אויפלעבן דאָס יידישע וואָרט, — פון וואסער מאַטיוון עס זאָל נישט זיין! — איז עס דען נישט קיין סימפּטאָם, נישט נאָר פון דער לעבעדיקייט פון יידישן וואָרט נאָר אויך פאַר די באַלעבענ־דיקע כוחות וואָס אין אים? און אַז צוזאַם מיט אַלע קולטור־פעלקער וועלן מיר די וועלט אַרומנעמען מיט אונזער וואָרט מיט דערבאַרעמונג צו יעדער



מינסטער קרעראַטור?

תורה איז מען קונה מיט מסירת־נפש! 1947, באַלד נאָכן חורבן, ווען דאָס ערשטע ביכעלע אין באַנייטן פוילן אין פערלאַג „דאָס נייע לעבן“ איז דער־שינען, — „מלכות געטאָ“ פון ישעיהו שפיגל, — האָב איך עס, דאָס בענטשערל, געליינט פסוקים־ווייז, אתה־הריתהדיק, מיט טרערן־אויפגעלויכטענע אויגן: „מלכותך מלכות כל העולמים וממשלתך בכל דור ודור“: יאָ, אונזער ליטעראַטור איז דעם נסיון אויסגעשטאַנען און באַשטאַנען; אַרויסגעגאַנגען פון אַזאַ טאָג־טעגלעכן יום־הדין, אזוי ליריש־צאַרט און נאָדלדיק־דין ביז לעצטן האַרץ־בלוט־טראָפן, אונטער אַש טליענדיק נר־תמידיק אויפצולייכטן — —

ציטערט איצט דאָס האַרץ אָקייגן מיט אַזויפיל דערוואַרטונג און מיט אַזוי־פיל בטחון די נייע שאַפונגען פון סאָוויעטישן יינגען ייד, אויפשטייענדיק צום נייעם שעפערישן לעבן, יידישלעך־גלייטערט מסתם און אינערלעך־קאָסמיש־פאַרטיפט.

## גרענעצן תשכ״ב

אין דער עלבע, אין דער נייסע, אין דער אָדער,<br>
עס פליסט נישט אַזויפיל וואַסער אין די דריי טייכן,<br>
וויפיל אונזער בלוט, דייטשלאַנד, דו האָסט פאַרגאָסן,<br>
דערפאַר אין דיין לאַנד געשניטן דער קין־צייכן;<br>
דיינע שטעט אָפענע ווונדן, אייטערדיקע,<br>
ביז דיין קופערנער חוצפה־שטערן וועט פאַרבלייכן.

מעג גאָט דיר פאַרגעבן נאָך פאַרן זיבטן דור,<br>
אפשר אויך ער שילומים־געלדער פון דיר גענומען!<br>
איך, צומאָל אין טאָג פון מחילה וסליחה,<br>
מיין שינאה־שפרוך כשופדיק פרעפלען כ׳וועל און ברומען,<br>
**ביז מיין בלוט אין מיינע אָדערן פאַרברענט איז,**<br>
געלבלעך־גרוי, אויסגעטרוקנט גאַנץ, מיין צונג און גומען.

**אָדער אפשר די מעשה דערפון אזוי גאָר:**<br>
טויט־באַפליגלטע פלעדער־מייז שוואַרץ אויפצושוועבן<br>
אויף אַלע־פיר די פיר גרויסע גרייט שוין שטייען,<br>
אָ־טאָ, אַטאָם־באָמבעלע אַ שליידער צו געבן —<br>
איז ווער זאָלס טון אויב נישט דער נאַצי, דער לאַנץ־קנעכט,<br>
נו, מוז מען אים דערפאַר, דעם רוצח, פאַרגעבן;

ווי זאָגט די וועלט אַ ווערטל: אז מ׳ברויך דעם גנב<br>
שניידט מען אים צומאָל פון דער תליה אַראָפּ — כ׳לעבן!<br>
וועט זיך דאָס אונזער וועלטל געבן אַ צעשאָט,<br>
כאָטש מיט ניכטערן שפייעכץ דער נאָך צו צוקלעבן.<br>
איז וואָס שוין נייסע עלבע, אָדער, אז מען גייט<br>
גאַנצן אָצעאַן־גרענעץ אַהייב אַרויס געבן.

י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## דער פאראדאקס פון עקדת יצחק

עקדת יצחק פארנעמט א וויכטיקן פלאץ אין די יידישע תפלות און באזונדער אין דער ליטורגיע פון ראש השנה, מען בעט צום אלמעכטיקן ער זאל מוחל זיין די זינד אין זכרון פון יצחקס אפערווויליקייט, און שופר בלאזן ווערט פארעכנט אזוי ווי מען האט זיך זעלבסט געלאזט מקריב זיין פארן אלמעכטיקן. (ראש השנה ט׳) דער פאראדאקס איז אבער וואס די געשיכטע פון עקדת יצחק זעט אויס צו זיין אין סתירה צו דעם קאטאגארישן פרינציפ פון תורת משה בנוגע דער הייליקייט פון יעדן אומשולדיקן מענטשן־לעבן. עס לייגט זיך בשום אופן ניט אויפן שכל אז דער אלמעכטיקער, וואס האט געזאגט צום ערשטן ברודער־מערדער — „קול דמי אחיך צעקים אלי מן האדמה״: די שטים פון דייך ברודערס בלוטן שרייען צו מיר פון דער ערד, (בראשית ד׳) און האט געבאטן די בני נח — „שפך דם האדם באדם דמו ישפך״: צו דערהרגנען דעם מערדער פון אן אומשולדיקן מענטש, (בראשית ט׳) זאל פארלאנגען מענטשן־קרבנות, זאל זיך ווענדן צו א פאטער — „קח נא את בנך״: נעם, איך בעט דיך, דיין איינציקן זון וואס דו האסטאים ליב און זיי אים מקריב צו מיר — שעכט אים ערגיץ אויף אבארג און פארברען זיין קערפער פאר א קרבן עולה.

אמת לויטן טעקסט איז די דראמע פון עקדת יצחק נאר געווען א נסיון: א טעסט — „והאלהים נסה את אברהם״: דער אלמעכטיקער האט אברהמען אויסגעפרווט, געוואלט ווייזן אז אברהם וועט אים פאלגן אפילו צו שעכטן זיין איינציקן זון, און ווען אברהם איז געשטאנען ביי דער עקדה מיטן מעסער אין האנט גרייט אויסצופירן דעם פארלאנג פון אלמעכטיקן האט א מלאך פון הימעל אים צוגערופן — „אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה״; זאלסט ניט אויסשטרעקן דיין האנט אומצוברענגען דאס יינגעל און זאלסט אים גאר ניט טוען. (בראשית כ״ב) אבער דערמיט, וואס עקדת יצחק איז געווען אן עקספערימענט צו פרווון אברהמס געהארכזאמקייט, ווערט דער ענין קאמפליצירטער. פארשטייט זיך, כדי דער נסיון זאל זיין אן ערלעכער האט אברהם געדארפט גלייבן באמונה שלמה אז דער אלמעכטיקער וויל דורכאויס האבן זיין זון פאר א קרבן עולה. פרעגט זיך, אברהמס ענטפער — „אלהים יראה לו השה לעולה בני״: מיין זון, דער אלמעכטיקער וועט זיך שוין פארזען מיט א לעמעלע פאר אן עולה — אויף יצחקס פראגע — „הנה האט והעצים ואיה השה לעולה״: דא האסטו פייער און האלץ ווו איז דאס לעמעלע פאר אן עולה? איז אין סתירה מיט אברהמס גלייבן, אז דער אלמעכטיקער וויל דווקא האבן ער זאל מקריב זיין יצחק, פון אברהמס ענטפער ווייזט זיך ארויס אזוי ווי אימעצער אנדערש וואלט ארויפגעצווינגען אויף אים דעם נסיון און ער האט געהאט בטחון אז דער אלמעכטיקער וועט אים צושיקן א לעמעלע אויסצולייזן זיין זון?

מען איז אויך בערעכטיקט אנצונעמען, אז לויט די נביאים האט ניט



דער אלמעכטיקער אויסגעפרווט אברהמען. אין הסכם מיט תורת משה, אז דער גאנצער קרבנות־ריטועל איז געווארן איינגעפירט כדי — „ולא יזבחו עוד לשעירים״: אפצוגעוויינען דאס פאלק ישראל פון מקריב זיין קרבנות צו פרעמדע אלמעכטיקע, (ויקרא י״ז) האט דער נביא מיכה געפרעגט — „במה אקדם ד׳, אכף לאלהי מרום״: מיט וואס זאל איך קומען פאר גאט, זיך בויגן צום אויבערשטן אלמעכטיקן, זאל איך קומען צו אים מיט בראנדאפער, מיט קעלבער איינאריקע? ווערט דען גאט באוויליקט אפילו מיט טויזענטער ווידער, מיט צענטויזענטער טייכן אייל? אדער זאל איך אים געבן מיין עלטסטן זון פאר מיינע פארברעכן, די פרוכט פון מיין לייב פאר די זינד פון מיין זעל?״. און מיכה ענטפערט — „ניט דאס האט גאט דיר מענטש געבאטן, גאט פארלאנגט פון דיר דו זאלסט טוען גערעכטיקייט, ליב האבן גענאד און באשיידן גייט מיט דיין אלמעכטיקן״. (מיכה ו׳) און ירמיה הנביא האט געשטראפט זיין דור אין נאמען פון אויבערשטן אלמעכטיקן — „ומלאו את המקום הזה דם נקים, ובנו את במות בעל ושרף את בניהם באש, עולות לבעל, אשר לא צויתי ולא דברתי ולא עלתה אל לבי״: זיי האבן אנגעפילט דאס ארט מיט בלוט פון אומשולדיקע, זיי האבן געבויעט במות און פארברענט זייערע קינדער אין פייער בראנדאפער צום בעל, וואס איך האב ניט געבאטן, ניט פארלאנגט און עס איז מיר ניט אויפן זינען געקומען, (ירמיה י״ט) איר זאלט מקריב זיין און פארברענען אייערע קינדער אפילו צו מיר.

אז די נביאים האבן געקעמפט קעגן דעם פאלשן איסטייטש פון „והאלהים נסה את אברהם״, ווערט אויך באשטעטיקט פון די חכמי התלמוד. זיי אינטערפרעטירן דעם „אשר לא צויתי״ פון ירמיהס שטראפרייד — „זה יפתח״: דאס איז יפתח, ווען יפתח, א שופט פון דער שופטים פעריאדע, איז געגאנגען באפרייען דאס פאלק ישראל פון די בני עמון, האט ער א נדר געטוען צו גאט — אויב ער וועט אים העלפן באזיגן די בני עמון וועט דער ערשטער אים אנטקעגנקומענדער פון זיין הויז זיין געהייליקט פאר א קרבן עולה, איז זיין טאכטער געווען די ערשטע וואס איז אים אנטקעגן געגאנגען מיט געפויק און טענץ. (שופטים י״א) באהויפטן די חכמים אז דערויף האט ירמיה געזאגט אין נאמען פון אלמעכטיקן — „ואשר לא צויתי״: איך האב ניט יפתחן געבאטן ער זאל ברענגען זיין טאכטער פאר א קרבן עולה צו מיר. „ולא דברתי״ אינטערפרעטירן זיי — „וזה מישע מלך מואב״: דאס איז מישע דער קעניג פון מואב, ווען די פאראייניקטע ארמייען פון ישראל, יהודה און אדום זענען באפאלן מואב און ארומגערינגעלט די הויפט שטאדט, האט מישע מיט זיבן הונדערט פון זיינע פעאיקסטע סאלדאטן געוואלט א דורכבראכן די באלאגערונג אויף דער זייט ווו דער מלך אדום איז געשטאנען. ניט האבענדיק קיין דערפאלג האט ער, כדי דער אלמעכטיקער זאל אים העלפן, מקריב געווען זיין עלטסטן זון, דעם קרוין פרינץ, אויף דער פעסטונג מויער. (מלכים־ב. י״ג) באהויפטן די חכמים אז דערויף האט ירמיה געזאגט אין נאמען פון אלמעכטיקן „ולא דברתי״: איך האב ניט פארלאנגט פון מישע מלך מואב ער זאל ברענגען זיין זון פאר א

קרבן עולה צו מיר. „ולא עלתה על לבי״: אינטערפרעטירן זיי — „זה יצחק בן אברהם״: עס איז מיר ניט געקומען אויפן זינען אז אברהם זאל ברענגען זיין זון יצחק פאר א קרבן עולה צו מיר. (ספרי שופטים פיסקא קמ״ח, תענית ד׳).

דאך האבן א טייל פון די חכמי התלמוד, וואס זייער טענדענץ איז געווען צו געבן די ריטועלע געזעצן פון תורת משה פריאריטעט איבער די סאציאלע געזעצן, קאמענטירט דעם זאץ פון ירמיה הנביא „ולא עלתה על לבי״ צו באשטעטיקן אז דער אויבערשטער אלמעכטיקער האט אברהם אויסגעפרווט. צום זאץ „ולא עלתה על לבי״: עס איז מיר ניט געקומען אויפן זינען אז אברהם זאל ברענגען זיין זון פאר א קרבן עולה, האבן זיי מוסיף געווען „איך האב אים נאר געשטעלט פאר א נסיון צי ער וועט מיך פאלגן״. לויט זיי איז די ווענדונג פון אלמעכטיקן צו אברהמן געקומען בנבואה און א נביא מוז טוען אלעס וואס מען הייסט אים, אפילו ווען עס איז קעגן די געזעצן פון תורת משה. זיי שטעלן זיך אליין אפ אויף דעם, וואס יצחק האט געגלויבט זיין פאטער, אז דער אלמעכטיקער וויל אים האבן פאר א קרבן עולה? און זיי ענטפערן, ווייל יצחק האט געוווסט אז זיין פאטער איז א צדיק און א נביא אמת האט ער אים געגלויבט. אזוי ווי די ישראלים האבן געגלויבט דעם נביא אליהו אויפן הר הכרמל און מקריב געווען קרבנות „שחוטי חוץ״: ניט אין בית המקדש, וואס איז געווען קעגן געזעץ פון תורת משה. (מלכים־א. י״ח) זיי באמיען זיך אויך צו דערקלערן די סיבה, פארוואס דער אלמעכטיקער האט אויסגעפרווט אברהמן, זיי באהויפטן אז יעדער האט אויסגערעדט אדער מקטרג געווען אויף אברהמן, די מלאכי השרת, דער שטן און די אומות העולם — זיי האבן אים קריטיקירט אז ער האט געמאכט א גרויסע סעודה פאר זיינע פריינד צו דער אנטוויינונג פון זיין זון און ניט מקריב געווען צום אלמעכטיקן קיין איינציקן אקס אדער ווידער. האט אלמעכטיקער געזאגט צו זיי, איך וועל אייך באווייזן אז אברהם איז פרומער ווי איר, ער וועט אפילו ברענגען זיין זון, צוליב וועלכן ער האט געמאכט די סעודה, פאר א קרבן ווען איך וועל אים פרעגן. (סנהדרין פ״ט, בראשית רבה פנ״ה, ילקוט שמעוני סימן צ״ה).

לויט די חכמי התלמוד איז דער נסיון פון עקדת יצחק געווען איינער פון צען נסיונות מיט וועלכע דער אלמעכטיקער האט אויסגעפרווט אברהמן, (פרקי אבות פ״ה־ד) אבער די אנדערע ניין נסיונות זענען באווייזן פון אברהמס גרויסער אמונה אז דער אלמעכטיקער וועט אים באשיצן און בעת דעם נסיון פון עקדת יצחק האט אברהם ניט געקאנט האבן די אמונה, סאידן דער נסיון איז ניט געקומען צו אברהמן פון אלמעכטיקן. אחוץ דעם זענען נאך פאראנען די באטאנונגען אין דער פרשה פון דער עקדה אין סתירה צו דער אויסטייטשונג פון — „והאלהים נסה את אברהם״: אז דער אלמעכטיקער האט אברהמן אויסגעפרווט. אויף דער פראגע, פארוואס האט אברהם געזאגט צו זיינע דינער — „שבו לכם פה עם החמור ואני והנער נלכו עד כה ונשתחוה ונשובה אליכם״: בלייבט דא ווארטן מיטן איזל ביז איך און דאס יינגל וועלן גיין אהין זיך בוקן און וועלן זיך אומקערן צו אייך, ווען ער האט געגלויבט אז נאר ער אליין וועט



צוריק קומען? ענטפערט רש״י, אז דאס איז געווען אן אומבאוווסטזיניקע נביאות פון אברהמן, און דער אבן עזרא דערקלערט, אז אברהם האט געמיינט צו זאגן: ער און די פארברענטע ביינער פון יצחקן. (רש״י און אבן עזרא בראשית כ״ב) וואס זענען אויבנאויפיקע תירוצים. און אויף דער סתירה שוין פריער אנגעוויזן, אז אברהם האט געזאגט צו זיין זון — „אלהים יראה לו השה לעולה בני״: מיין זון, דער אלמעכטיקער וועט זיך שוין פארזען מיט א לעמעלע פאר אן עולה, ווען ער האט געמוזט גלויבן באמונה שלמה אז דער אלמעכטיקער וויל ניט האבן קיין לעמעלע פאר אן עולה, נאר ע וויל האבן זיין זון יצחק, ענטפערט רש״י מיט אויסטייטשן דעם זאץ „אלהים יראה לו השה לעולה בני״: דער אלמעכטיקער וועט זיך שוין פארזען מיט א לעמעלע, אויב ניט וועסטו מיין זון זיין דער קרבן עולה, (בראשית כ״ב) וואס ניט אליין ווערט דורך די אויסטייטשונג אברהמס בטחון ניט פארמינדערט, נאר אומגעקערט, עס איז אזוי ווי אברהם וואלט געהאט ספקות צו זיין נבואה איז אן אמתע, צו דער אלמעכטיקער וויל טאקי האבן זיין זון פאר א קרבן, און אז אברהם האט געהאט ספקות איז דאך דער נסיון ניט געווען קיין ערלעכער? און דער אבן עזרא ענטפערט, אז אברהם האט דערמיט געוואלט בארואיקן יצחק כדי ער זאל ניט אנטלויפן, (בראשית כ״ב) וואס איז ווידער אין סתירה מיטן פריער ציטירטן ענטפער פון די חכמים, אז יצחק האט געגלויבט זיין פאטער, דער אלמעכטיקער וויל אים האבן פאר אן עולה, ווייל ער האט געוווסט אז זיין פאטער איז א צדיק און נביא אמת. אחוץ דעם, פארוואס האט זיך יצחק געלאזט בינדן אויף דער עקדה און איז ניט אנטלויפן?

דעריבער, כדי מען זאל ניט דארפן פארענטפערן די סתירות מיט אגב אורחאדיקע תירוצים איז מען בארעכטיקט אנצונעמען, אז ניט דער „אלהי מרום״: דער אויבערשטער אלמעכטיקער פון נביא מיכה איז געווען דער „והאלהים נסה את אברהם״, נאר אנדערע אלמעכטיקע האבן געשטעלט אברהמן פאר דעם נסיון. מען דארף וויסן אז אין תורת משה ווערט דער ביינאמען „האלהים״ אויך געגעבן צו אנדערע, אחוץ צו אויבערשטן אלמעכטיקן. אויף דעם טערמין „בני האלהים״ אין דער פרשה פון מבול זאגט דער מדרש — „רבי שמעון בן יוחאי קרא להון בני דייניא, רבי שמעון בן יוחאי מקלל לכל מאן דקרי להון בני אלהיא״: רבי שמעון בן יוחאי האט פארטייטשט דעם טערמין „בני האלהים״: זין פון ריכטער און ער האט פארשאלטן אלדי וואס האבן פארטייטשט דעם טערמין „בני האלהים״: זין פון אלמעכטיקן. (בראשית רבה פרשה כ״ו־ח׳) און מען געפינט אויך בפירוש אין תורת משה אז ריכטער ווערן אנגערופן „האלהים״ — „ונקרב בעל הבית אל האלהים״: דער וואס וויל אימיצן פארקלאגן זאל זיך ווענדן צו די ריכטער. (שמות כ״ב) און אפילו פון דער פרשת עקדה גופא קאן מען ארויסדרינגען אז דער „והאלהים נסה את אברהם״ איז ניט דער אויבערשטער אלמעכטיקער, מחמת זער א סך מאל געפינט זיך אין תנ״ך דער טיטעל „מלאך ד׳״ און אין ערגיץ ניט, אויסער אין דער פרשה פון דער עקדה שטייט דערביי „מן השמים״: פון הימעל, וואס

איז א רמז אדער א באטאנונג אז דער „והאלהים נסה את אברהם“ איז ניט געווען פון הימעל: ניט געווען דער אויבערשטער אלמעכטיקער.

עס איז קיין ספק ניט אז די דראמע פון עקדת יצחק איז געווען א נסיון, אבער ניט דערפאר וואס דער אויבערשטער אלמעכטיקער האט אויס־געפרווט אברהמען צו ער וועט אים פאלגן, נאר אנדערע אלמעכטיקע האבן אברהמען געשטעלט פאר דעם נסיון. די פרשה פאר די פרשת עקדה ענדיגט זיך — „ויטע אשל בבאר שבע ויקרא שם בשם אל אליון“: אברהם האט איינ־געפלאנצט א טאמאריסקנבוים אין באר שבע און האט דארט גערופן אין נאמען פון גאט דעם אויבערשטן אלמעכטיקן. (בראשית כ״א) צו זיין פארשפרייטן פון דעם נייעם גלויבן אין אויבערשטן אלמעכטיקן איז געווען די סיבה, אדער ווייל ער האט געמאכט א גרויסע סעודה צו דער אנטוויינונג פון זיין זון און ניט מקריב געווען קיין קרבנות, איז ער פארקלאגט געווארן פאר די ריכטער פון לאנד כנען, און די ריכטער פון לאנד כנען האבן אים פאראורטיילט צו גאטס משפט, דאס הייסט: אויב ער וועט בלייבן לעבן איז ער אומשולדיק און טאמער ניט איז ער שולדיק. „והאלהים נסה את אברהם“: די ריכטער האבן אברהמען געשטעלט פאר א נסיון. זיי האבן צו אים געזאגט, נעם דיין איינציקן זון וואס דו האסט אים ליב און ברענג אים פאר א קרבן עולה צו דעם גאט, וואס די דינסט, אויף איינעם פון די בערג וואס מיר וועלן דיר אנווייזן. וועט דיין גאט דיר צושיקן א לעמעלע אנשטאט דיין זון וועט דיין זון בלייבן לעבן און מיר אלע וועלן גלויבן אין דיין גאט, טאמער וועט דיר דיין גאט ניט צושיקן א לעמעלע אנשטאט דיין זון וועסטו אים פארלירן און מיר וועלן וויסן אז דיין גאט איז ניט דער אויבערשטער אלמעכטיקער.

אברהם האט זיך געמוזט אונטערווארפן דעם משפט און מיט בטחון אין זיין הארץ אז דער אויבערשטער אלמעכטיקער וועט אים העלפן אין זיין נויט האט ער זיך געלאזט אין וועג אריין. יצחק האט געוווסט אז די ריכטער האבן אים פאראורטיילט צו זיין דער קרבן עולה, אבער ער האט געגלויבט זיין פאטער אז דער אויבערשטער אלמעכטיקער וועט האבן אויף אים רחמנות און צושיקן א לעמעלע כדי אים אויסצולייזן פון טויט. אין דריטן טאג ווען אברהם האט דערזען דעם באשטימטן בארג פון דערווייטענס און קיין לעמעלע איז אים נאך ניט געווארן צוגעשיקט, האט ער נאך אלץ ניט פארלוירן זיין בטחון און געזאגט צו זיינע דינער מיר גייען ביז דארט אהין זיך בוקן און וועלן זיך אומקערן צו אייך. אבער יצחק, דער קרבן, האט אנגעהויבן צו צווייפלען און עס איז אים באפאלן א פחד, האט ער געפרעגט זיין פאטער: דו האסט פייער און האלץ, ווו איז דאס לעמעלע וואס דו האסטגעזאגט מען וועט דיר צושיקן? האט אים אברהם בארואיקט — מיין זון, דער אויבערשטער אלמעכטיקער וועט זיך שוין פארזען מיט א לעמעלע. די פארזיכערונג האט יצחקן באפרייט פון דער שרעק און ער האט זיך געלאזט בינדן אויף דער עקדה, ערשט ווען אברהם איז געשטאנען מיטן מעסער אין דער האנט גרייט צו שעכטן זיין זון האט ער דערהערט א שטים פון הימעל רופענדיק צו אים — „אל תשלח ידך אל הנער



ואל תעש לו מאומה“: דו זאלסט ניט אוישטרעקן דיין האנט צו שעכטן דאס יינגל... און אויפהויבנדיק זיינע אויגן זיך ארומצוקוקן האט ער דערזען אונ־טער זיך א ווידער איינגעדרייט אין געצווייג מיט זיינע הערנער...

## שמואל ווהייט

### ממעמקים קראתיך יה

פון הארצנטיפעניש רוף איך צו דיר,<br>
אלמעכטיקער פארנעם מיין תפילה, ענטפער מיר,<br>
אַפארצווייפעלטער — מיט שרעק אפארציטערטער,<br>
רעדט אָן ווערטער מיין נשמה, אפארביטערטער —<br>
געפענטעט אין גייסט, מיט צעווייטאָגטע גלוידער —<br>
פון לעבנסגעראַנגעל אהילפלאזער — אמידער.<br>
מיין ליכט לעשט זיך, מיינע אויגן פול מיט טרערן,<br>
לאז מיך גאט, אין חושך ניט צאנקן — ניט צעשטערן.

באַהעל מיך מיט ליכט פון דיינע פליגלען,<br>
ווען הילפלאזע עלטער פאלט אויף מיר אזוי שווער — — —<br>
„ממעמקים קראתיך יה“,<br>
אַלמעכטיקער, מיין צעבראכענע תפילה דערהער...

## יהודה ביעטש

### דאס אומגליק

דעם, פון וועמען איך וויל דא דערציילן, האט מען גערופן ר׳ יקותיאל מלכהלעס; א ייד אין די זיבעציקער, הויך־געוויקסיק, מיט א ברייטער, ווייס־דיקער בארד און א הויכן שטערן, וואס האט געגרייכט ביזן האלבן קאפ אריין, אויף וועלכן ס׳איז געזעסן א שווארץ־זיידן, פיר־עקיכדיק יארמולקעלע. א הער־לעכער מענטש געווען אט דער אלטער, קיינמאל נישט פארזארגט, ליב געהאט א גלייכווערטל, נייגיריק אויף נייעס, איבערהויפט וועלט־חכמות.

אין דער יוגנט איז ער געווען א שטיקל חזן אינם דערבייאיקן שטעטל, וואו ר׳האט אויך חתונה געהאט. אבער לאנג איז ער דארט נישט פארבליבן מחמת כמה טעמים. ווי זאגט מען, אן איידעם אויף קעסט, שווער און שוויגער... מילא, דער שווער — א פארנומענער מענטש מיט דאגות פרנסה, מישט ער זיך נישט, אבער די שוויגער, בתיה־לאה, אן אלטמאדישע יידינע מיט קעצישע אויגן, האט פון לאנג שוין געהאלטן א שטרענג אויג אויף דער טאכטער און געהיטן יעדן טריט אירן; הגם ס׳איז שוין אריבער א יאר ווי די טאכטער, מלכהלע, האט חתונה געהאט און איז שוין א מאמע פון א קינד. נאר בתיה־לאה האט נאך אלץ געטראגן אין זיך די מורא פאר גרויסע מיילער אין שטעטל, נישט געקענט באין אופן פארגעסן די מעשה פון די פריערדיקע טרעפענישן פון איר טאכטער מיט דעם קלעזמער־יונג דעם הולטאי, און אלץ ארומגעגאנגען ווי אין א חלום, שעפטשענדיק צו זיך: „היינטיקע צייטן, אז אלץ איז הפקר פיעטרישקע...“

דאס ערגסטע פארן יונגן בעל־הביתל איז געווען דער שוויגערס קרום קוקעלע, מיט איר אפטן ווארטשען.

— געהערט אזא מעשה, אז א באווייבטער מענטש, א טאטע פון א קינד, זאל נאר אין זיבען האבן הוילע נארישקייטן, פייגעלעך אין קאפ ? ! אז דער עיקר ביי אים איז טרייבן קאטאוועסלעך. איך רעד צו אים, „וואס וועט זיין דער סוף ? א מענטש מוז דאך קלערן וועגן א תכלית !" און ער — גארנישט. „ס'וועט קומען", זאגט ער... צעלאכט זיך מיט א מאדנע געלעכטערל גלייך ס'וואלט אים עמיץ ביי דער פאדעשווע געקיצלט. ס'ארט דען אים עפעס ? אז מען ווערט אויסגעריסן פאר דעם שטיקל פרנסה, מ'שטיינסגעזאָגט. מיך קאסט עס א שטיק געזונט, און ביי אים איז עס גארנישט ! „ס'וועט קומען", זאגט ער. געהערט א חכמה, הא ! וואס זאגט מען נישט דערצו ? ס'וועט קומען !!

אט צוליב די ריידעריי טאקע און אירע בייזע בליקן האט ער פארלאזט שווער און שוויגער, צוריקגעקומען אין שטעטל אריין, וואו ר'איז געבוירן געווארן און געעפנט פאר זיך א בשמים געוועלב אין מארק.

אין שטעטל, ווי שוין דערמאנט, האט מען אים גערופן ר' יקותיאל מלכה־לעס, מחמת ס'איז געווען א גאנץ נאטירלעכע זאך, כמעט אן אנגענומענער מנהג, אז יעדער בעל־הבית זאל האבן א צונאמען ; א מין טיטול אזא. אסך אבער האט מען גערופן מיט גארנישט קיין פיינע צונעמען, למשל, בערל קריי־כער, וואס האט געגעבן אנצוהערן אויף עפעס נישט קיין שיינע זאכן ; יונה פלאקן, יאנקל קישקע, אברהם קאפעטש און נאך פיל אנדערע אזעלכע צוגע־מענישן, וואס האבן באטיטולט יעדן איינעם אין שטעטל. און צוליב דעם וואס מען האט מלכהלען געהאלטן פאר א מזג־טוב, מיט א צארטער, פילנדיקער נש־מה, וואס האט אין זיך פארקערפערט רק גוטסקייט און אנדערע מידות טובות, איז עס קיין וואונדער נישט, אז מען האט דעם מאן אירן גערופן אויף איר נאמען . . . אליין אבער איז ער געווען א שטרענג אפגעהיטענער ייד, א מתעסק במצוות און, ועל־כולם, א גרויסער מכניס־אורח.

פון דער מצווה צו האבן אן אורח יעדן שבתביים טיש האבן ביידע שטארק געהאלטן. אויף יום־טוב אבער פלעגט ער תמיד מיטברענגען פון שול צוויי אורחים. עס איז ביי אים געווען א חוק ולא יעבור. געוויינטלעך זענען דאס געווען אורחים מער פון בעל־ביתישן שטייגער, כדי ס'זאל זיין מיט וועם צו כאפן א שמועס. סוכות, פלעגט ער זאגן, איז פאר אים דער בעסטער יום־טוב ; פון איין מאכל צום אנדערן נעמט א שטיקל צייט, מחמת די סוכה איז אויפן הויף און דאס עסן מוז מען ברענגען פון דער שטוב, איז דאך דעמאלט דער אמתער שעת־הכושר פאר אביסל שיחת־חולין ! און פאר גרויס נחת־רוח פון די געבענטשטע פאר מינוטן פלעגט ער דערציילן פיקאנטע עפיזאדן פון דאר־פסגייער, וואלד־סוחרים, מייסטנס אבער פון גוטע יידן, בעל־מופתים. אז ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, פלעגט ער נאך מיט א קלוג שמייכעלע זאגן, אז דער און דער רבי איז א גרויסער צדיק, מחמת ער האלט נישט פון קארטן נאר פון קוויטלעך . . . נישט בחינם האט מען אין שטעטל געזאגט,



— בית של ר' יקותיאל מלכהלעס כבית של אברהם אבינו, עליו השלום.

הגם ער איז שוין שטארק גרוי און ווייס געווארן, האט ער אבער מיט זיין האלטן זיך באוויזן, אז יארן מאכן אויף אים קיין איינדרוק נישט. ר' איז געבליבן דער זעלביקער פריילעכער ווערטל־זאגער ווי אמאל. עלטערע יידן, וועלכע האבן געדאוונט אין דער זעלבער שול, וואו ער, זיינען פול מיט חידוש וואס טראץ זיין זקנה איז אים עד־היום פארבליבן עפעס אין גארגל פון זיין אמאליקער חזנות, וועלכע לאזט זיך הערן אין שול ספעציעל שבת און יום־טוב ביים דאווענען.

פון דער נאטור איז ר' יקותיאל געווען א פריילעכער, א גוטמוטיקער, אבער אויך א שטיק כעסן און פלעגט אמאל פארווארפן דעם ווייב, אז מיט איר קהל־פארזארגעריי צעטרענצלט זי זיין שווערע הארעוואניע. מלכהלע האט ביי אזעלכע אויסברוכן אים שארף, מיט אירע שווארץ־סאמעטענע אויגן, אנגעקוקט,

— זע נאר, זע, ווי דער כהן האט זיך אין אים צערעדט ! דיין שווערע הארעוואניע, זאגסטו ? און וואו איז מיין פראצע ? הא ! אין געוועלב, אין שטוב, קינדער דערציען, היינט קאכן, באקן און אנדערע שטוב־זאכן ! און ביי אים הייסט דאס אלץ זיין שווערע הארעוואניע ! וואס א מאנסביל קען זיך דערלויבן . . .

בשעת דעם ווערטער־געראנגל, פלעגט ער שפרייזן איבער דער שטוב, לאזנדיק בייגעלעך רויך פון דער מעש־באשלאגן ליולקע ; קנייטשן זיין הויכן שטערן און צו זיך מורמלען, „אוי, טאטע אין הימל, שיינע געשעפטן היינטיקע צייטן ; קשים מזונות של אדם כקריעת ים־סוף.

פונדעסטוועגן, פלעגט ער זיך נישט מאכן זעען בעת א בעל־הביתטע איז אין א פרייטאג, שוין שפעטלעך, אריינגעקומען און אויסגעגאסן איר ביטער הארץ פאר מלכהלען, אז ס'פעלט איר אויס א צוויי־דריי גילדן צו מאכן שבת. „נו, מילא, פלעגט ער בלב טראכטן, זאל זי איבער הונדערט און צוואנציק יאר נישט ארויפקומען ווי אן אפגעפליקטע גאנז, אן מצוות און מעשים טובים".

דאס הייזל, וואו ר' יקותיאל מלכהלעס האט געוואוינט, איז געשטאנען אין סאמע עק פון דער ברייטער פארקער־גאס אויף דער יידישער שטאט אין ראווע, פוילן. הגם אפיציעל האט זי געהייסן די ירושלים־גאס, איז אבער צוליב די טיפע זאמד־גריבער, וועלכע האבן זיך געפונען באלד אין אנהייב פונם דאר־פסוועג, וואו יידישע טעכטער האבן פון קדמונים אן גענומען א מין גאלדיק זאמד פאר די פאדלאגעס פון זייער־שטיבער, האט זי אויך געקריגן דעם צונאמען „די זאמד־גאס".

די יידישע איינוואוינער פון דאזיקן הייזל זיינען מייסטנס געווען פשוטע יידן, יגיע־כפימניקעס און געמאכט שבת און יום־טוב פאר זיך ווי איינער האט געקענט. אבער ווי נאר ס'האט זיך דערהערט די ערשטע תקיעה, האט אן אומרואיקייט זיי אלעמען באהערשט, דער עיקר וועגן לולב מיטן אתרוג־בענטשן. הגם דער אלטער ר' יקותיאל האט יעדעס יאר געהאט אן אייגענעם

אתרוג, מיט וועלכן זיי האבן זיך באנוצט, איז עס זיי דאך געגאנגען בנפש פון פריער צו וויסן. אנגעהויבן שטעלן, פלעגן זיי יעדעס יאר, די זעלביקע קלאץ־קשיות, למשל.

— ר׳ יקותיאל, וואו וועט מען היי־יאר שטעלן די סוכה? ווען וועלן קומען די ברעטער, דער סכך?

— ס׳שטייט דאך אין דער תורה „בסוכות תשבו שבעת ימים״, — האט ביינוש דער מילכיקער, געזאגט, כדי צו ווייזן, אז ער איז אויך נישט אבי ווער.

דער אלטער פלעגט אמאל פון די דאזיקע קשיות, א בגריטן שמייכל טון, וואס האט זיך נחתדיק געלייגט איבער דער דיקער, ווייסער בארד זיינער; און במחשבה טראכטן, „וואס פאר א מאדנע טבע די יידן האבן!“ אבער בשעתן שטעלן די דאזיקע קשיות האט אומבאוואוסט אויך אין זיין הארץ זיך צעוואקסן די שמחה פון אויפשטעלן א סוכה; דער עיקר דאס באדעקן און אויסלייגן דעם פריש־שמעקענדיקן סכך. ער פלעגט אבער, ווי תמיד, שווייגן. באלד נאכן יום־כפורדיקן וואכעדיקן „מעריב“ פלעגט ער רופן זיין שכן ר׳ אברהמטשע און ארײנשלאגן אויפן הויף א פלאקן אין דער ערד: ר׳ יקותיאל אויף זיין זייט און דער שכן — אויף זיין זייט.

כידוע, איז ר׳ יקותיאל געווען א גרויסער מפונק, האט ממש נישט געקענט פארטראגן די ריחות פון די שטארק־געווירצטע מאכלים, וואס די ווייבער פלעגן צוגרייטן פאר זייערע מענער אין דער סוכה; ספעציעל דעם ריח פון געהאקטע ציבעלעס מיט שמאלץ, שטארק־געפעפערטע פיש, קלאפסן מיט קנאבל, פון וועלכע דער ריח איז געהאנגען אינם אויר פון דער סוכה לאנגע שעהן.

ר׳ יקותיאל פלעגט קומען, מחמת די דאזיקע מאכלים און אנדערע נישט־געווינשטע ריחות, שפעטער פון אלע פונם דאווענען. א פריילעכער, מיט א ברייטן „גוט יום־טוב!“ איז ער מיט די צוויי אורחים זיינע אריין אין סוכה און מיט גרויס התלהבות און חדוה גענומען זאגן „אזמין לסעודתא אושפיזין עלאין אברהם יצחק ויעקב משה אהרן דויד; ס׳זיידענע יארמולקעלע אביסל ארויפגערוקט. האט געקנייטש דעם שטערן, מאכנדיק דעם איינדרוק ווי ער ווארט אויף וועם. מיט א קול וואס האט כמעט ווי באפוילן.

— יידן, רוקט זיך!

אז דער ריח פון ציבעלעס מיט קלאפסן האט שטארק גענומען רייצן זיינע נאז־פליגלען, איז אלץ שטרענגער געווארן זיין קול.

— נו, יידן, ס׳ווערט ענג!

א קלייניקייט אויסצורעדן, מיט די אבות אין דער סוכה, „רוקט זיך, רוקט זיך!“ ביז די לופט איז געווארן פרישער און ריינער...

און אז דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט, די לבנה — א לויטערע האט מלכותדיק פון הינטערן בארג זיך באוויזן און באזילבערט מיט א ברייטן פאס ליכט די סוכה, און דורך די קליינע, אפענע ערטער פון סכך, מיט ליכט־



פלעמלעך געמיניעט אויף די קאלירפולע, גלאנצנדיקע כלים, האט דער אלטער אין דעם מאמענט דערפילט, אז ר׳געפינט זיך אין א וועלט שכלו חכמה און דערהערט ווי ס׳קלינגען אים אנטקעגן די טיפע טענער פון קוהלת... ער האט מיט א באזונדערן ברען זיך צעזונגען, „וטהר לבנו לעבדך, לעבדך באמת“ ביז א שטיק אין דער נאכט אריין און איינגעשלאפן פאר גרויס תענוג פון דער מצווה לישב בסוכה. א זיס שמייכעלע האט אים געשוועבט אויף די ליפן. א קלייניקייט מיט די אבות אין דער סוכה?...

ר׳ יקותיאל וואלט אזוי די גאנצע נאכט געשלאפן מיט זיין זיסן חלום וועגן די אבות און די באפליגלטע מלאכים, ווען נישט זיין יינגסטע טאכטער, רויזעלע — א כלה־מיידל פון א יאר צוואנציק, שלאנק ווי א טאפאל־בוים און לעבהאפט ווי א זינג־פייגעלע — וואס נפשו קשורה בנפשה וואלט אים נישט איבערגעוועקט, ווייזנדיק, אז די ליכט זיינען שוין לאנג אויסגעגאנגען און ס׳איז צייט צו גיין שלאפן.

אזוי האט זיך געצויגן דאס לעבן פון ר׳ יקותיאל מלכהלעס יאר־איין יאר־אויס, צופרידן מיט זיין גורל, מיט דעם באשיידענעם, רואיקן לעבן. די שבתים און ימים־טובים זענען געווען זיינע טעג פון גייסטיקער דערהויבנקייט, פון אראפציען פון זיך די גאנצע וואכעדיקייט, און פון אן אפגעבן זיך א חשבון־הנפש פון זיינע העכערע געפילן. „איז ער דען נישט ווי אלע מענטשן, דער בחיר־כל־היצורים, די פערל פון אלע באשעפענישן?“ פלעגט ווי א בליץ אין זיין מחשבה אדורכלויפן.

— הערסט, מלכהלע, וואס איך דענק? אז שבת און די ימים־טובים זענען געגעבן געווארן פאר אונזערטוועגן; ספעציעל פאר די, וואס ארבעטן שווער א גאנצע וואך. נאר זיי קענען פילן דעם אמתן טעם פון מנוחה אין די הייליקע טעג.

ר׳ יקותיאל וואלט, מסתמא, אויסגעלעבט זיך זיין בינטל יארן אין באהארצטער געמיטלעכקייט פון זיין עכט־יידישער טראדיציאנעלער שטוב, ווען ס׳זאל אויף דער וועלט נישט זיין קיין אומגליקן, וועלכע זענען פארשפרייט אויף יעדן איינעמס לעבנס־וועג...

געטראפן האט דאס אומגליק ר׳ יקותיאל מלכהלעס יינגסטער טאכטער, רויזעלען, דער גוטער און פרומער נשמה; אזוי האט דאס שטעטל זי גערופן, מחמת זי איז אין גאנצן געווען געראטן אין דער מאמען, געגאנגען אין די זעלבע דרכים. אז זי פלעגט אין גאס דורכגיין אין שליחות פאר עפעס א וויכטיקער זאך, האבן בעל־הביתסטעס זיך איבערגעוואונקען, „די מאמע אויסן אויג“. אבער איינמאל, בשעת זי האט גענומען גאלדיק זאמד פון איינעם פון די טיפע גריבער, איז פלוצלונג די אויבערפלאך איינגעפאלן און זי איז א לעבעדיקע באגראבן געווארן. ווען מען האט זי פונם גרוב ארויסגענומען איז זי שוין געווען טויט.

אין דעם טאג איז ר׳ יקותיאל מיטאמאל שטארק אלט געווארן. אויף אזא אומגליק האט ער זיך נישט געריכט; ער, דער אלטער שארבן, זאל איבערלעבן זיין יינגסטע טאכטער, דעם שווארצאפל פון זיין אויג! דאס שיינדל אינם

שטעטל! מלכהלע, דערזעענדיק ווי מ'טראגט איר טאכטער, דאס צוואנציק יעריקע מיידל א טויטע, איז מיט א געוואלד־געשריי געפאלן חלשות, פון וועלכן איר רעכטער פוס איז ווי אפגענומען געווארן. ס'האט זיך פאר דעם אלטן פלוצלונג פארלאשן די זון, אלץ איז פינסטער און ליידיק געווארן. דאס געשעעניש האט אים אין גאנצן צעטומלט, א שרעק איז אים באפאלן פאר עפּעס, וואס ער איז זיך נישט באוואוסט דערויף. ער האט מיט גרויס ווייטאק געווארפן א טענה צום הימל.

— פארוואס?!

און הייסע טרערן האבן זיך איבער זיין פנים אראפגעגליטשט.

דעם ערב־סוכות פון דאזיקן יאר, נאך דער וויסטער פאסירונג, איז ר' יקותיאל פריער ווי אלעמאל פונם בשמים־געוועלב אהיימגעקומען. שטיקלעך אפגעריסענע חשבונות האבן זיך געפלאנטערט אין זיין מידן מוח; אבער איידער ר' האט זיך אין גאנצן באפרייט פון די דאזיקע געדאנקען . . . האט צווישן די פיצלעך פראגמענטן אריינגעריסן זיך דאס געשטאלט פון זיין טאכטער רויזעלע. און וואס נענטער ר'איז צוגעקומען צו דער שטוב, אלץ מער האט אים דאס הארץ געבלוטיקט. ניין, ער האט נישט געהאט מיט וואס צו פארענטפערן די גזילה פון זיין חלום און נישט צו פירן זיין יונגסטע טאכטער, זיין ליבלינג צו דער חופה.

ס'זענען אין זיין רעיון פלוצלונג פארבייגעלאפן מאמענטן פון פריערדיקע יארן, ווען די קינדער זענען נאך ייִנג געווען. די היימלעכקייט און לעבעדיקייט זענען געווען אין לשער, איבערהויפט אין די לאנגע ווינטער־נעכט. דער קאלטער ווינט מיט די שניי־שטורעמס האבן אין דרויסן געקערט וועלטן, האט דא אין דער ליכטיקער, ווארימער שטוב די מנוחה טאפלט זיך געפילט. ער, אנגעטון אינם וואלענעם, געקעסטלטן שלאפראק, מיט די צוויי קוטאסן, וועלכע זענען פונם ברייטן גארטל אראפגעהאנגען, לאזנדיק בייגעלע רויך פון דער ליולקע מיט מעש באשלאגן. ס'איז פאר אים דעמאלט געווען א מקום מקלט פון אמתן גליק . . .

אזוי טראכטנדיק, אז די וועלט זיינע האט זיך אין גאנצן אויסגעוועפּט, האט ער במחשבה א נדר געטון, אז באלד נאך סוכות וועט ער פארקויפן א העלפט פון זיין הייזל און פאר דעם געלט לאזן שרייבן א ספר־תורה, וואס ער וועט זי אריינגעבן אין דער שול לזכרון פון דער ייִנגער נשמה פון זיין געליבטסטער טאכטער. אבער, ווי זאגט מען, רבות מחשבות בלב איש, דאס הייסט א מענטש טראכט און דער מלאך לאכט . . .

די ערשטע טעג סוכות זענען ווי ס'איז אדורך. עס איז דאך יום־טוב, מען טאר נישט טרויערן. אבער די התלהבות מיט דער גרויסער חדוה בשעתן זאגן דעם „אזמין לסעודתא אושפיזין" האט פארלוירן די פייערלעכקייט פון אמאל. אן אויסגעשעפּטער איז ער געזעסן ווי א שווארצער אומבאוועגלעכער פלעק און געקוקט אויף איין פונקט; קיין קלאנג נישט געקענט ארויסברענגען. בלויז זיינע ליפּן האבן זיך באוואויגן; עפּעס ווי א נישט־דערשלאפענער קראנ־



קער, וועמען עס פריידט גארנישט. ער זעט און הערט קיין זאך נישט, חוץ דאס, וואס האט צעשטערט זיין לעבן. א טיפער קרעכץ האט פון זיין הארץ ארויפגעשפּארט, אז די גאנצע נשמה האט אים ווײ געטון.

דער אלטער האט א פארשטארטן, ביטערן ציטער געטון. אויף זיין הויכן שטערן האט זיך געלייגט א משונהדיק־ווילדער טרויער און מיט זיינע מיטאמאל אויסגעלאשענע אויגן אלעמען דורכגענומען. ער האט פלוצלונג זיך א שטעל אויף געטון, זיין ביינערדיקע האנט שטארק צוגעדריקט צום הארץ, אזוי, ווי ר'וואלט עפּעס הייליקס געהאלטן. געגומען זיך דרייען ארום; ס'האט געמאכט דעם איינדרוק, אז ער פירט הקפות, טאנצנדיק ארום א מעלעמער. ייִנגלעך, מיידלעך קושן די ספרי־תורה, אויך זיין ספר־תורה. צווישן זיי אויך זיין ייִנגסטע טאכטער. וואס טוט זי דא אין שול? זי איז דאך טויט! ער האט געוואלט א געשריי טון, „רויזעלע, מען טאר נישט!" די ווערטער אבער זענען אים געבליבן הענגען אויף די ליפּן. זיינע אויגן האבן, ווי פארגליווערטע, געקוקט אין איין ריכטונג, מורמלענדיק עפּעס אומפארשטענדלעכס, איז ער שווער צו דער ערד אנידערגעפאלן.

ס'איז געווארן א טומל, ס'זענען אנגעלאפן מענטשן, מען האט דעם אלטן אויפגעהויבן, פון דער סוכה אין שטוב אריינגעטראגן געלייגט אים אין בעט אריין. פון זיין מויל איז אים געגאנגען א ווייסע שוים. דער דאקטאר האט מיטן קאפּ עפּעס מאדנע א שאקל געטון און פארשריבן א רעצעפּט.

מלכהלע, א צעטומלטע, האט ווי א שאטן געהינקט פון איין ווינקל צום אנדערן. און כאטש אירע צוויי זין און די עלטסטע טאכטער האבן זי געטרייסט, האט זי אבער צום ערשטן מאל דערפילט זיך עלנט און פארלאזן.

ר' יקותיאל האט זיך געמאטערט די גאנצע נאכט, צו זיך עפּעס געשעפטשעט. אז מען האט שטארק זיך אנגעשטרענגט אויפצוכאפּן איינצלנע ווערטער האט מען קוים באנומען, אז ער זאגט די „אושפיזין"; און מיט א שווער אפגעהאקטן אטעם, קוים דערהערבאר, געזאגט, „יידן, רוקט זיך, יידן, רוקט זיך!! א קלייניקייט מיט די אבות אין דער סוכה!"

ער האט מיט עפּעס א באזונדערן כוח זיך געגעבן א זעץ אויף, א ווײלע אנגעקוקט די דערשראקענע מלכהלע מיט שטארע, קאלטע אויגן. דערנאך אויסגעדרייט זיך מיטן פנים צו דער וואנט און גענומען וויינען דאס לעצטע גסיסה־געוויין. ערשט פארטאג, ביים ערשטן איבערברוך פון נאכט צו טאג, האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה, מיט די לעצטע ווערטער,

— אזא אומגליק, אזא אומגליק! . . .

„די אידישע שטימע"
די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפּראך אין דעם לאנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

מיט לאנגע יארן צוריק, ווען די ענגלענדער זענען אין ווייטשעפל געווען אין דער מינאריטעט, האבן זיי בלויז אין א זונטאג ארויסגעקומען פון זייערע באהעלטענישן אין די זייטיקע געסלעך ארום פאפלאר און מייל־ענד, געלאזט זיך מאסנווייז איבער די ווייטשעפעלער יידישע טראטוארן און אנגעפילט דעם וועלט־בארימטן מארק — „פעטיקאוט ליין" — אויף דערשטיקט צו ווערן.

אין יענע יארן האבן די „גרינע" אפט געהערט פון זייערע נאנטע, וואס האבן זיך שוין אביסל איינגעגרינט, אזעלכע פרעמדע ווערטער, ווי „וואקיישאן", „האלידעי", „סי־סייד" און „בריייטאן" און מקנא געווען די מייסטערס, וואס האבן זיך שוין ארויפגעארבעט און קענען זיך פארגינען די לוקסוס צו מאכן א „דעי־טריפ" קיין בריייטאן און איבערלאזן זייערע ווייבער אויף א גאנצע וואך. די „גרינע" זענען, לכתחילה, נישט געפארן צום ים איבער צוויי טעמים: ערשטנס, האבן זיי פארדינט וואסער אויף קאשע פאר א צוועלף־שעהדיקן ארבעטס־טאג. לויט דעם מייסטערס חשבון איז אכט־צען רובל נישט קיין שלעכטע זשאלאוואניע פאר א גרינעם. די צרה איז נאר געווען וואס די גרינע זענען שוין דאמאלס נישט געווען אין פלאצק אדער אין קוטנע, נאר אין רייכן לאנדאן. צווייטנס, איז נאך געלעגן דער טעם אין מויל פון דער דריי־טאגקיער ים־רייזע אויף דער פראכט־שיף פון האמבורג קיין לאנדאן, וואס האט ארויסגעצויגן דעם לעצטן טראפן פון דער מאמעס מילך... האט זיך טאקע נישט געגלוסט אזוי שנעל ווידער צו קומען פנים־אל־פנים מיט די ריזיקע, בייזע כוואליעס, וואס האבן דא נישט לאנג זיך געווארפן מיט אזא אימפעט אויף זיי און נישט געוואלט צולאזן צו די ענגלישע ברעגעס. עמיצער וואלט געקענט מיינען, אז די דאזיקע ארימע עמיגראנטן ברעכן אויס די גאל אויף דער פראכט־שיף אלס א שפאס אדער זיי פארן אונטערן באנק אן א בילעט; אדער ווער ווייסט וואס?

ווי די זאך זאל נישט זיין, איז די „סי־סייד האלידעי"־מאדע נישט געווען און נישט געקענט זיין אזוי פאפולער ווי היינט.

טאמער האט זיך פארגלוסט א הוליע טון, איז מען אוועק נאך העמסטעד חיטה, וויקטאריא־פארק אדער הייד־פארק, מיטגענומען א פאפירענעם בייטל מיט קרישקעס צו האדעווען די קאטשקעס אויפן וואסער און זיין אייפערזיכטיק אויף די פארלעך, וואס זענען לאנגזאם ארומגעשוואומען אין לאדקעס ביז זיי זענען פארבלאנדזשעט געווארן הינטער די נידעריקע ביימלעך...

אט פארגלוסט זיך מיר צו כאפן צוויי מפלות אין איין טאג. אין א הייסן זונטאג גיי איך מיר קויפן א יידישע צייטונג אין ניו־רויד און ווער אראפגעפירט פון וועג פון עטלעכע חברים און פארקריך צו וויקטאריא־פארק. דער פריי־מארגן איז הייס, נעמען מיר א שיפל. פלוצלונג לאזט זיך אראפ א שלאקסרעגן, מיר געפינען זיך אינמיטן וואסער. קיין געבוירענע מאטראזן זענען מיר נישט און שווימען קענען מיר ווי ליימענע ציגל. ווען מיר קומען ענדלעך צו צום ברעג, אויסגעווייקט, שטייט דארט א שונא־ישראל מיט א לאנגער לאפאטע און



שטופט אונז אפ פון ברעג... ערשט אז ס'האט אויפגעהערט רעגענען, האט דער פאסקודניאק אונז געהאלפן ארויסקריכן פון שיפל.

מיר האבן אפילו בדעה געהאט צו מאכן אויף דעם חברה־מאן א שטיקל פאגראם, נאר ס'איז שוין געווען „דינער־טיים".

די צווייטע און די גרעסטע מפלה האב איך געכאפט, ווען איך בין מיט פיר שעה שפעטער אריינגעפאלן א פאריאכמעטער אין שטוב, פון מיין כלה, וואס האט געווארט אויף מיר מיט פרישטיק; און פארשידענע שווארצע מחשבות האבן ארומגעטאנצט איר אין מוח. געמיינט האט זי, אז ענטוועדער בין איך אין לאנדאן האספיטאל אדער איך האב אפגעלאזט דעם שידוך... נאר אז זי האט מיך דערזעען א לעבעדיקן, האט זי אויסגעלאזט איר גאנצן צארן אויף מיין קאפ, וואס איז געווען נאך ערגער ווי דער שלאקסרעגן!

היינט איז גאנץ אנדערש־קיין גרינעם ייד וועט איר שוין מיט ליכט נישט געפינען, און ס'איז קיין וואונדער נישט. מח־דאך די ענגלענדער האבן קיין יידן נישט אריינגעלאזט קיין פאלעסטינע, נו, דערוואַרט איר, אז זיי זאלן זיי אריינלאזן קיין ענגלאנד און די גאנצע „צוויליזירטע" וועלט זאל לאכן פון זיי?... און די ים־קראנקהייט האט מען שוין לאנג פארגעסן. טאקע אמת, אז מיר זענען מזכה געווארן מיט אן אנדערער קרענק, ווי אסטמא, פליבייטיס, דייאביטיס, בראנקייטיס, ארטרייטיס און אנדערע „אייטיס", אבער מיט אזעלכע קרענק קען מען גאנץ גוט פארברענגען ביים ים... אבער די עטנאגראפישע מאפע פון בריייטאן און וועסטקליף האט זיך דורך די יארן אסך געענדערט. אויב מען האט דאמאלס באגעגנט ביים ים יונגע פנימער פול מיט לעבן און האפנונג, באגעגנט מען היינט אלמנים און אלמנות פול מיט קראנקהייטן און האפנונגסלאזע. דער יונגער דור לאזט זיך אויף „וואקיישאנס" אין די לענדער פון זייערע אורעלטערן, שפאניען, פארטוגאל און מערב־דייטשלאנד... לענדער, וואס זענען אזוי וועלט־בארימט מיט זייער נאסטפריינטלעכקייט צו יידן... אסך מאל צייגט זיך ארויס, אז א יידישער מאגן האט מער שכל ווי זיין קאפ! פראטעסטירט ער טאקע און בייזערט זיך... און שעפט נחת ווען זיין בעל־הבית דרייט זיך ווי א שלאנג פון „שפאנישע קרעמפן".

ווילן טאקע נישט די קינדער פון די אמאליקע אימיגראנטן פארשאפן זייערע עלטערן קיין שפאנישן בויך־ווייטאק, טראנספארטירן זיי „דהי אולד מאן" אדער „דהי אולד פאלק" אדער „דהי פור אולד מאטהער" קיין בריייטאן אדער וועסטקליף אויף לאנגע וואקיישאנס. אזא ערשטע „איבערזידלונג" ווערט אין אסך פאלן באטראכט אלס א „פאוויעסטקע" צום לעצטן „עטאפ"... ס'ווערט זיי טרויעריק־קלאר, אז די קינדער ווילן נישט אזוי שטארק בענקען נאך זיי... און די איידעמס מיט די שנירן — אודאי נישט...

און טאמער פרעגט מען א קינד: — וואס עפעס פארשיקסטו מיר?

איז דער ענטפער:

— „איטס פאר יור גוד, מאם, דאונט ווארי, דעד", און נאך אזעלכע פראזן, וואס קלינגען אזוי מאדנע אין די אויערן פון די אמאליקע אימיגראנטן, וועלכע לעבן אויס זייערע לעצטע יארן ביים ים.

## א. נ. שטענצל

###ביים ים

1

ווי אַ מעוברתדיקע קו, ווי א קראנק שעפעלע,
איינשלאָפן שטיל אונטער אַ גרינלעך פאַרטרוימטן שאָטן ;
קאָפּ אויף האַרץ, צעציטערטן — אַ שוועלבל צווישן צווייגן,
וואס צומאָל דער לעצטער גסיסה־צוויטשער נאָך געראָטן.

שטשעשקע־שטראנד, יעדעס שטיינדל שאָרכט געשייערט געוואַשן,
מיט פרישן זאַמד לכבוד שבת־קודש אויסגעשאָטן.

2

אַ כוואַלע פון ים שוימיק אויסגעשפיגן,
אין זאַמד־ברעג איינגעזאַפּט כ׳בלייב זומפיק ליגן —
אַ זשום־געברויז פון בייזע זלידנע פליגן :

איז נישט דער זינג אין דיר, דער זיפצן ניגון,
פון פינגער געזויגענער סמוטנער ליגן,
וואס צוזאַם מיט דיר ר׳מוז ווערן פאַרשוויגן ?

3

די ראַדיאָס, נישט גרעסער ווי שפּיי־קעסטעלעך,
און אַלע הילכיק אויפגעדרייט אויף זעלבער וועל ;
דאָס געשפריץ פונם ים — פון צווישן ציינער :
פון גאַנצן ערד־קיילעך כאָטש צו מאַכן אַ תל !

נישט צו קוקן די זון אין פּנים אריין, —
נישט פון איר גלוט־געבלענד, — די אויגן מיר כ׳פאַרשטעל.

4

אויף אַן אנטענע אַ פויגל זינגט אזוי זיס,
דעם הימל, ווי הויך אויפגעגאַנגען ער איז,
באַשיט ער — א כלה־קוילעטש מיט גריז.

פון אַ דאך־שטיבל, ווי פון אַ נעסט כ׳קוק אַרויס,
הינטן די טעלעוויזיע אינם גאסט־הויז,
מייקעט שטיקער גרינע גאַל פון זיך אויס.

דער פויגל צעשפרייט די פליגל און פליט אוועק,
גליק־ציטער כ׳דערבליק אין ווינק נאָך פון זיין עק,
בלייב ביטער ליגן אין דעם ברעך־געקרעק —

האָט ער א קערנדל דערזען ווו אויפן הויף,
איז ער צו זיין זי אויפן בוים דאָרט אַרויף ?
ס׳געמייק הינטן הערט אַ רגע נישט אויף — —



בלויז זע, זאַטער, א סך זיסער, זינגט צו זיין זי
פויגל אויף אַנטענע איצט זיין טרי־לי־לי :
אויפוווידערזען מאָרגן, גאַנץ אין דער פרי.

5

אין איין אָטעם אויפן באַרג דאָ ארויף,
די צוויי צעגלאַנצט, פרייד־ניוכנדיקע הינט,
אויב אין אַלץ שוין צו לייקענען אַצינד,
ביים דערזען זיי, אויג מיינס רייסט זיך גרויס אויף.

דער שפּילנדיקער, דער שלאַנקער געלויף !
גלויבן צוריק ווי אַ קינד הייליק און בלינד,
אייביק די בראשית־בריאה באַגינט — —
דער „וירא אלוקים — —‟ „טיטאָוו‟ !

מענטש ווי פאַרשאָלטן, געבענשט דאָך פון גאָט :
ווי ער דרייט זיך דאָס אַ הונט אַרום עק,
אַרום כף־הקלע־קיילעך־אַל־די־העק,
„ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד‟.

בלויז אונזער ווילד־וואַרטנדיק, וויסט וואָיע־געביל,
און זע, ווי זיי שפּילן זיך אָן ווערטער, ווי שטיל.

6

עס איז דער מענטש שוין אן אויסגעשפּילטער,
אַלצדינג חלשות נידנע דערעסן ;
מיט איינגעהאַלטענעם האַזאַרד־אָטעם,
ס׳לעצטע אַטאָם־קנעפּל נאָך צו פרעסן,

איי וואָס אים אַרויסקומען דעמלט שוין ?
אפנים, א סך גאָר צו געווינען :
וועט זיך ווידער קענען שפּילן אזוי,
ווי די צוויי הינט געזען באַגינען.

7

(דאס „בינגא‟ לידל דיר געווידמעט)

ווי שרעקלעך קאָמיש ס׳וועט אויסקוקן,
שטעלט זיך דאָס פּאָר בלויז,
די אַטאָם באָמבע וועט געבן אַ פאַל,
גראָד דעמלט ווען ער רופט אויס :

„אַן דע רעד סיקסטי וואַן, סיקסטי וואַן‟ !
און שוין קיין איינער נישטאָ מער,
נישט די שפּילער אַרום טישל,
נישט אויבן דער אויסרופער, דאָרט ער — —

בלויז צי איז נישט קאָמישער גאָך,
דאָס אויסרופן איצט וואָס איך הער ?

8

אויסגעשטרעקט אין גראָז, ס׳שמעקט בשמימדיק היימיש,
די זון לייגט מיר ווער וואַרעם אונטערן קאָפּ,
אַ שטעטל מיט דעכלעך גייט אויף אין מיין בליק,
מלאכים, פלאַמיקע, אַרויף און אַראָפּ.

אויף שול־דאַך, בלא־ווייס געטלית׳ט, קריכט אַ ציג,
ווי גין־גאָלדן ס׳גלאַנצט גרוי־גרינלעך געלער מאָך ;
קו פליט איבער דאַך לייגט אַ בליץ־טראָפּ־איי,
אַ נס, מלאך שפּרינגט אונטער, דערכאַפּט עס נאָך.

בלויז איינער מיט שטערן־אויגן, צעפּונקלט,
קומט פאַרווייַנט באָנט צו רופט אויף אַ סוד אוועק — —
כ׳כאַפּ מיך אויף : דער הימל פול יאָרצייט־ליכטלעך,
לבנה־אלמנה קוקט מיט אַזויפיל שרעק.

9

צווישן וואָלקנדלעך גנבט זיך פאַרווייַנט די לבנה,
וואַקלדיק־וואָגלדיק, נאַכט־וואַנדלעריש געבויגן ;
איר אבלדיקן בליק קיינער זאָל נישט באַמערקן,
ציט זי דעם טערקישן שאַל טיף איבער די אויגן.

אין טויט־שרעק אַן איינגעהילטער כ׳וואַרט איבער די נאַכט,
אין דעם וואָלקנדל־שפּיל — אונטער אַ רעגנבויגן.

10

דאָס זון־אויפגיי־ליד פאר מ.

נישט דער ים וואַרפט זיך דעם ברעג צופיסנס,
אַ שורגענדיק צעשוימטער, ווילד־אויפגעברויזט —
כורעים־פאַלנדיק ס׳איז ווער מתפלל,
אין פעלדז־וואַנט קלאַפּנדיק מיט געביילטער פויסט ;

די זילבערנע עטרה, די שפּאַניע,
אין געשאָקל פאַלט זי אים פון קאָפּ אַראָפּ,
פון גרויס התלהבות פנים גליט צעגלאַנצט,
געטובלט גאַנץ אין שוויס, גייט אין טרערן אָפּ.

11

אַ בליק אויף ווינטל צערונצלטן ים,
ווערסט אַ צעפּונקלטער טראָפּן פון אים,
וואָס קומט פון ווו, שווימט ווייט־ווו אַוועק ;
אין דיין בלט גייען כוואַלעס, צעשוימטע,
דיין האַרץ — די שיף וואָס אַנקערט ביים ברעג.



אַנגעלאָדן ווייטער ווו צו וואָגלען,
מיט פולע לאָגלען און פעק פול שרעק.

אַ בליק אויפן שטייף־פאַרגליווערטן פעלדז,
ביזט אַ ברעקעלע געבראָכן פון אים :
וואָס ווייטער, ווו ערגעץ, וואָסער צוועק ?
שטייף־פאַרשטייניקט גליווערדיק צעקרישלען,
צו ווערן זאַמד־שטויבעלע ביים ברעג ?

בלייב איך שטיין אַזוי, צווישן ים און פעלדז,
און מיינע הענט הויך צום הימל כ׳שטרעק.
העסטינג, בענק־האָלידעי, 1961.

## אסיען-וואלד-סימפאניע

קוקוק לאַנג שוין פאַרשוויגן, שוואַלב ווייט ווו אַוועק,
דער פיקהאָלץ, רק מיט זיין צווייג־צו־צווייג־שפּרינג־געקלעטער,
„פיק־פיק, פיק־פיק", זיין טשוויטש־טשוויטש־געזינג פאַרגעסט ער,
שנאָבל־שפּיץ שלייפט ער שוין פאַרן שנייאיקן וועטער ;
מיט לאַנגע לאַפּעס פיס, פאַרן אָפּלי אָקאָרשט,
באָטשאַן מיט שטומער שנאה — זיין נעסט אַ צעשמעטער !
ווי ווירבלט עס ווילד־צערעדערט — אַ טייוול־ראָד !!
געל־גרין־גרוי גערויש־געשויבער פון צווייג און בלעטער.

אָרגל־פייפן באַגלייט, גלאָקן־שפּיל צעקלונגען,
דער וואַלד אַליין זיין ליד אויפזינגען אַצינד וועט ער —

וויאַן־געוויסערס, ווינד־וויגנדיק וועל־צעכוואַליעט,
בראָנז־ברויז־געבייזער, וועלק־בלעטער־רעגן אַ צעקלינגטער,
פון מעש די פליגלען געשמידט, קופּערדיק זיין עק,
טויזנט און איין אויגיק מיט דער זון אַ צעווינקטער !
בין־השמשות, ווען עס צינדט זיך אים דער קראַנץ אָן,
פיין־זילבער און גין־גאָלד אַ שקיעהדיק צעבלינקטער !!
אין די נעכט ווינטן־געוואַיע אַ געיאָגטער
אין מוטנע־וואַסער קאַלוזשעס אַ וויסט פאַרזינקטער — —

צעפּאַטשט ער געוואַלטיק פליגלען צווײ צעצווייגטע :
ווידוי־צוואה ווי שוואַנענדיק־וווּנדערלעך זינגט ער.

באַלד וועלן סובות ווייס זיינע אברים וויקלען,
זון — שערבלעך־צעבראָכן ! — זיינע אויגן צודעקן,
אַ וויעוויאָרקע יתומל מיט ניסל אין מויל,
מיטן וויינען קינדיש־קייכנדיק זיך פאַרקרעקן ;
שוואַרץ־קרייזנדיקע קראָ, קדשים־קראַקענדיק,

מיט איר קול די מתים פון די קברים אויפוועקן!
נעפל־גרוי פאַרצויגן שפּיגלדיק טייכל גאַנץ,
אַזש די טויט־שטומע פיש אויפשפּרינגענדיק דערשרעקן —
רעקוויעם־געוויין ווייטסטע וועגן וויסט־פאַרשווענען!!
בלויז וואַלד־וואָרצלען אַלץ פאַרצווייגטער ווייטער זיך שטרעקן.

## די מעשה מיטן בער — (שלוס)

אבער דער סוף איז געווען, ר׳ בעריש אפּנהיים, אן אייניקל פון ר׳ בעריש הערציקערס גזע, האט מען אנגעטון א סאמעטענעם הוט, ער האָט, אנגעהויבן צו לערנען „עין־יעקב" אין בית־מדרש ביי נחמיהן. אבער די ווייבער פון די גערער חסידים זיינען נישט געגאנגען מיט קיין שאלות צו אים.

— דער פיעראן וועט זיי אלע כאפּן! — האט עס געהילכט אין בית־מדרש. ר׳ בעריש האט געהאט א געוועלבל מיט ליידיקע פאליצעס הינטן אויף דער פשעדמיעשטשע, צו דער גרענעץ צו. אז ס׳איז געווען א „שווארצער טאג"; מ׳איז בשלום אדורך די גרענעץ, נאר ס׳איז געווארן א בהלה צווישן די שווארצער: א מסירה! אויף דער בריק שטייען אביעשטשיקעס און באזוכן נאכאמאל, איז מען אריינגעלאפן צו ר׳ בעריש אין געוועלבל אריין איבערוואר־טן. ר׳ בעריש איז געזעסן אונטער דער טאשעוואניע פארטיפט איבער א גרויס ספר — קיין קונה האט זיך נישט געוויזן! — האָט נישט געזען ווי מ׳וויקלט אראפ פון די לייבער גאנצע ראלן זיידנס, שפּיצן, מ׳ווארפט אוועק גאנצע פעק שאקאלאדע, פלעשלעך פערפיום —

„פיעראן" דער חצי מסור און דער גאַנצער מאכער, איז אלע ווייל צוריק־געקומען:

—מ׳קען שוין באלד... מ׳טאר נאך נישט... שכורלעך אריבערגערעדט צו ר׳בערישן: — בעריש, דו וועסט בלייבן אונזער רב; בלוט וועט זיך גיסן! ר׳ בעריש איז געווען א שטילער תלמיד חכם, אַן איש־תמים, אַ ייד אָן אַמ־ביציעס; דאס ווייב אן איידעלע, איז אויף אים געלעגן דער עול־פרנסה.

טרויעריק האט עס אויסגעזעען ווען ער איז אדורכגעגאנגען דורכן מארק, אויף דער אנדערער פאטשענע, צוריקקומענדיק פון בענדין מיטן זעקל סחורה אונטערן אָרעם פאר זיין ליידיקער פאליצע, אנגעטון אין דעם גרויסן סאמעטענעם הוט, וואס מ׳האט אים אנגעטון פאר צוויי־דריי יאר און ס׳האט אריבערגעשיינט מיט „די לבנה" אין מיטן.

אויסטון דאס אלט שוויס־פארפעצטע היטל האט ער נישט געהאט קיין הארץ. קויפן א נייס — א ברכה לבטלה: ער וועט שוין אזוי דרעפּטשען אין זיינע שטיוול יעדן דאנערשטאג קיין און פון בענדין אהיימצוברענגען ס׳ביסל סחורה אין זעקל פאר דער ליידיקער פאליצע אין זיין געוועלבל, אפּצובידעווען א גאנצע וואך, שטיין מיט א גרויס ספר אונטער דער טאשעוואניע און הערן ווי ס׳ווייב זיפצט אין דער שטוב און צוקוקן ווי דער אונטערוואקסנדיקער זון זיינער וואקסט, חלילה, א „שווארצער"... זיין ברודער מלך האט אים גוט דעם קאפּ פארדרייט... ער האט, מסתם, גוט געמיינט, אבער זיין חברותא



— דעם צד וואס ער האָט אים אויפגעשטעלט!... מלך אפּנהיימס ווייב איז געווען א קראַקעווערין, געפירט שטאַאט, די טאכטער געניע האט זי געשיקט לערנען קיין קראקע אין א גימנאזיע. מאיר לאזער האט געלערנט אין „מערן" פאר א ראבינער. ווען זיי זיינען אהיימגעקומען אויף א יום־טוב און שפּאצירט איבערן מארק אין זייערע קאסטיומלעך מיט גאלדענע קנעפּ און גערעדט דויטש, האט גאנץ טשעלאדזש זיי באוואונדערט. דער זאפּטיקער נאמען „גאניע" איז מיר שוין געווען וואונדערלעך. ווען טאַטע האָט נאָכגעמאַכט ווי מ׳רייבט אין מערן גמרא אויף דייטש איז עס געווען מער ווי הלצה.

מלך אפּנהיים איז געווען אמאל אויפן פערד און אמאל אונטערן פערד. ער איז געווען פון די הויפּט־„שווארצערס" אין טשעלאדזש. ער האט געהאט א חברה „יידישע און גויאישע שמוגלערס, וואס האבן געארבעט און ער האט געד־רייט. מלך האט געהאט פאנטאזיע: איז געווען א גוטע וואך, האט ער מנדר געווען א קופּערנעם דאך פארן בית־מדרש. איז געווען א שלעכטע וואך — א בלעכענע שעפּ פארן כיור. ער האט אלע שבת געקריגן אן עליה און „גומל געבענטשט".

צו דער „קאטאוויצער קאנפערענץ" זיינען אסך פון די דעלעגאטן, וואס האבן נישט געהאט קיין „גובערנארסקע פּאס", „געפארן" איבער טשעלאדזש. געזוכטע „רעוואלוציאנערן" זיינען אויך אנגעקומען באלד מיט אן אדרעס צו מלך׳ן. און די „ליטעראטור", — די רעכטע פון ווין, די לינקע פון דער שווייץ און לאָנדאָן — איז אויך געגאנגען אסך דורך מלך׳ן".

ווען דער „תורת חסד", דער לובלינער רב, האט געמוזט איבער א מסירה עוקר זיין, איז ער אויך „אריבער" אין טשעלאדזש. דער זיידע אליין האט אים געברענגט צו דער גרענעץ. ער האט אים נישט געוואלט אנטרויען א „מאכער".

דער זיידע איז צוגעפארן מיטן „תורת חסד" צו דער קאמער, געלאזט דעם לובלינער רב אויף דער בריטשקע, געהאלטן זיין „האלבן־פּאס" פון אויבן און אונטערן פּאס געהאלטן פינף גרינע דרייערלעך צוזאמענגעלייגט אין א ביכעלע ווי א רייזע־פּאס. דער נאטשאלניק ביים פּאס־טישל, ארומגערינגלט מיט זיינע אביעשטשיקעס, זיך גריסנדיק מיטן זיידן און סטעמפּלענדיק זיין האלבן־פּאס, דערזעען דעם „רייזע־פּאס", האט אים פלינק א נעם צו געגעבן און די צוויי סטעמפּל שנעל געלייגט אויפן זיידנס האנט, די אביעשטשיקעס זאלן מיינען, אז ער סטעמפּלט דעם צווייטן פּאס. ער איז שנעל ארויף אויף דער בריטשקע און אריבער די גרענעץ.

דאס איז דעם טאטנס קורצער נוסח לערנענדיק מיט מיר אמאל „תורת חסד". שבת פארן ארויפגיין אין שטיבל, אויב נישט „מנחת חנוך" פלעגט ער מיט מיר נאכן מעבר־סדרה זיין לערנען אין זיין רבינס ספר.

ביי דער מאמען האט זיך די מעשה געצויגן שפּאנענדיקער און פארביקער. זי זיצט ביים רעמל, זי שטיפּט א נעדל, דא מיט א רויטן, זיידענעם פאדעם, דא מיט א בלויען און די מינוטן ציען זיך אויך אזוי זיידן־שטיל. אָט איז א

גרין בלעטעלע פערטיק, אַט קנאָספּעט אויף א זיידן בלומעלע. זי הייבט אויף אויף מיר אירע גרויסע אויגן אזוי בלוי און גוט: „אין איינעם א טאג, שוין פארנאכטלעך, שטעלט זיך אפ א דראשקע פארן זיידנס געוועלב און עס קומט אריין א מאן מיט א פארנעם אויסזעען, אנגעטון ווי א רייכער קאצאפּ, איינגעהילט אין א פעלערינע, און אויפן קאפּ, וואס פּאסט אינגאנצן נישט צו צו די מלבושים, טראגט ער א היטל מיט א גלאנציקן דאשעק. דער טאטע איז פונקט געווען אין בענדין, און עפּעס געפעלט נישט דעם זיידן, וואס אזעלכע פארשוינען מיט גלאנציקע דאשקעס זאלן זיך פרעגן אויף זיין יהוסדיקן קעסט־איידעם, און ער פרעגט אים בעל־גופיש גראבלעך, ‚מה שמך?‘ דער ייד בלייבט אפּהענטיק. די מאמע זעט, אז דא איז נישט פּשוט — דאס פּנים איז אן עדות... די בארד איז נישט קאצאפּיש, אן איידעלע, און די אויגן, די אויגן...

מען שלאָגט אים פאר, אויב ער וויל וואַרטן קאן ער אריינגיין אין טאטנס שטוב, אויסטון די רייזע־בגדים און זיך מאכן באקוועם.

„דאס סעודות־ראש־חודשל אין דער ‚חסידים־שטוב‘ אין בענדין האט זיך פארצויגן. עס ווערט פינסטערלעך, די מאמע הערט ווי אין טאטנס שטוב באַוועגט זיך עפּעס, רודערט זיך, הערט שלעפּן, רוקן. אביסעלע שרעקט זי שוין, אבער א נייגיר וואכט אויך אויף אין איר. זי גייט כסדר צו צום פענסטער, עס דוכט זיך איר זי הערט פארן. וואלט זי נישט מורא געהאט שלמהלע וועט זיך אויפכאפּן אין וויגל און זיך רייסן, וואלט זי אינגאנצן ארויס.

„צום גוטן קומט דער טאטע אן. אין געוועלב האט מען אים שוין געזאגט, אז עפּעס א מאדנער פארשוין ווארט אויף אים. די מאמע, מיט איינהאלטנדיק דעם אטעם דערציילט אים אויך עפּעס שטיל: ‚די איידעלע בארד, דער שטערן, די אויגן, די אויגן —

„דער טאטע וויל אריינגיין אין שטוב, איז די ספרים־שאנק אהערגערוקט און פארשטעלט די טיר. קוים ער שטופּט זיך אדורך... ‚איך קוק אדורך, ביים טיש איבער א ספר זיצט אין א קאפּל, בארד און פאות צעפּלאשעט א שיינער ייד, מיט די פינגער קעמט ער זיך די בארד; ווי איידל, און די אויגן, די אויגן!‘

„עס איז געווען דעם טאטנס רבי, וואס ער האט ביי אים געלערנט פאר דער חתונה" — דער לובלינער רב.

דעמאלט ווען ר' בעריש איז פארבייגעגאנגען און דאס „לבנה־היטל" האט אזוי טרויעריק אהערגעשיינט, איז זי אויך געזעסן מיט נעדעלע אין דער האנט, נאר נישט איבערן געשפּאנטן רעמל, נאר מיט א שטיק־צערעלע. זי איז געגאנגען מיטן נעדעלע איבער די פעדים, די אויגן האבן גרינלעך געפינקלט און זי האט שטיל גערעדט; אנגעהויבן ווי אין סאמע מיטן, ווי איך וואלט שוין אלץ געוווּאוסט, נאר איצט ענדיקט זי. דא מיטן נעדעלע נאך א רירעלע, דארט מיטן פינגערהוט צוגעגלעט, מטעים זייענדיק מאנכע ווערטער: „איך בין געווען יינג, בלוט־יינג, בלוט און מילך... זיי פרעסן מיך מיט די אויגן... דער גלח מיט די גוטע ריידעלעך און באטשע מיט זיינע קלוגע וויצעלעך און



אקייגנאיבער די ‚פּריצים‘, די כאמעס. כ'האב מיך געהיטן נאך דער חתונה אין דער גאס ארויסצוגיין... פארנאכט פליען זיי מיט די שליטעלעך ארום איבערן מארק, ווי די ווילדע; די גלעקלעך קלינגען ווי אין קלויסטער אריין... ביי־נאכט נאכן עסן שפּילן מיר טארנישקע. דער טאטע גייט צוריק אריין אין זיין שטוב צו זיינע ספרים... פארטאגס, ווינטער אין דער פרי, נאך נישט קיין פּינפּע, דער אויוון גליט, דער טשייניק זידט און דער טאטע מיט אים לערנען געשמאק, אויפן קול, מיט אזא פארגעניגן איינער פון צווייטן ביים אויסרעדן, מ'הערט אינם ניגון, אינם קול, אינם זידן פונם טשייניק... דורך דער אפענער שפּאלט פון טיר לייכט אריין א שיין, איך זע זייערע פּנימער, דאס גליען פונם אויוון, איך ליג מיט אפענע אויגן, איך גלי, כ'וואג מיך נישט קיין ריר צו טון. איין שעה, צוויי שעה, זיי לערנען אלץ ווארמער, זיי האמפּערן זיך... דער טאטע גיט אים צו פארשטיין אַזוי בטעמט, אַזוי זיס..."

די מאמע בלייבט זיצן מיט די הענט אויף די קני, ווי רעזיגנירט: „דער בעריש איז געווען א שיין, קלוג יינגל, אזא וואוילס, ליב געהאט א גאנג צו טון... די נעקרייזטע פּיאהלעך, ווי פּלעשעלעך, ווי אין קראקע, און דאס יוביצל און דאס היטעלע, אלץ אזוי געשמאַק צום טאקט.

„און ווי זעט ער איצט אויס? האסט געזעען די ‚לבנה‘ אויף זיין מיט שווייס פארפּצטן, סאמעטענעם הוט? אַ „מו"ץ" פון אים געמאַכט"...

זי האט טרערן אין די אויגן פון רחמנות, פון טרויער, פון בענקשאפט. אפשר פון אזוינס, וואס איך פארשטיי נאך בכלל נישט. זי בלייבט איצט זיצן מרה־שחורהדיק שטיל: „אין יענע ווינטער־פארטאגן בין איך בייז געווען אויפן טאטן, אויפן גליאיקן אייוועלע, אויפן זידנדיקן טשייניק, כ'האב געביסן דאס פּוכענע איבערבעט, געוויינט אין קישן אריין..." זי ווערט שטיל, אירע ליפּן פארשנירלען זיך, איבער איר שטערן לויפן אזעלכע פליאמעס, אירע אויגן ווערן פינסטער־גרין. איך קריג אזא שרעק פאר איר: א היץ גייט איבער מיר, א גליאיקע היץ. איך קוק אויף איר מיט אזא רחמנות, אזא טרויער: עס וועלן זיין לאנגע, שלאפלאזע נעכט, שווייגנדיקע טעג און אויב זי וועט שוין זאגן א ווארט, וועטס זיין ווי מיט דער נאדל —

אין אונזער משפּחה האבן אנגעהויבן געשען משפּחה־קאטאסטראפעס און אין אונזער הויז איז עס אויך מער נישט געגאנגען כשורה. מיר זיינען טאקע געבליבן אין זיידנס באַקוועמער דירה, אין גרויסן געשעפט, אבער די שפע איז אריבער צום פעטער היימל; זיין געשעפט איז געווען פונקט קייגנאיבער אונז. — ער האט געהאט דעם זיידנס שטעל, זיין ברייטקייט, זיין סוחרישע קלוגקייט — א ריכטיקער „האלטעק"!

די מאמע איז טאקע געווען א קלוגע, סוחרישע טאכטער, פול מיט ענערגיע געוואוסט אנצוגיין מיט קונים, ליב געהאט צו פארהאנדלען מיט סוחרים, באפעלן צו נעבן „די יינגען", אלץ געהאט אויף איר קאפּ, אָבער זי איז געווען צו ווייבלעך צו זיין א „קאזאק", צו קאָמפּליצירט צו זיין אן „אשת חיל". אירע אפטע שטימונגען צווישן פרייד און מרה־שחורה, צי אירע עוולות, איינגע־

רעדטע צי ריכטיקע: דעם זיידנס שטיינברוכן, די קאלך־אויוונס, די ליוווערונגען אין די הוטעס האבן די ברידער איבערגענומען, זי געלאזן דא צווישן די אלטע זיך־קרישלדיקע מויערן, און דער טאטע ווייסט נאר זיינע ספרים.

ווען די מאמע האט אויסגעשיט אירע טענות, האט דער טאטע, וואס האט ליב געהאט די שוואגערט, געזאגט אין א הלצהלע:

— וואס ווילסטו, זיי האבן דאך דיר נאך מער געגעבן ווי א „שטר חצי זכר״? . . .

ביז 1905־6 איז עס נאך געגאנגען. שפעטער האבן מיר ממש געלעבט פונם גרייטן. די מאמע אין אירע שטימונגען האט נישט נאר דאס געשעפט געלאזט איינגיין, נאר אויך די ירושה־הייזער איינפאלן. די ווענט האבן, אין די העכערע שטאקן, זיך גענומען קרישלען; האט זי די טירן צוגעשלאסן. מיר האבן זיך באגנוגנט מיטן פארטער.

ווען מיר זיינען פארבייגעגאנגען פאר די שטיגן, וואס האבן שוין גענומען זיך צעשיטן און איינפאלן, האט זי מיר געוויזן,

— זעסט, דא האסטו דעם „שטר חצי זכר״.

די ברידער האבן געבויט, געמויערט, ארויפגעצויגן נייע שטאקן. חיימל אין טשעלאדוש, יידל־פייוול אין מילעוויץ. דער טאטע האט פארקויפט א הויז, אויפן צווייטן גענומען א היפאטעק:

— הא, ווערסט א סוחר? אויף „האלטעקס״ בארד לערנסטו דיך שערן?

זי האט געוואלט מאכן א ווערטל אויפן טאטנס שטייגער, נאר ס'איז ארויסגעקומען ביטער; געהאט עגמת־נפש דערפון און געווארן טרויעריק.

איר גאנצע ביטערקייט האט זיך ארייגעלייגט אין א קנאה־שנאה צו דער מומע אסתר־רייזל. דער פעטער האט זיין ווייב זייער ליב געהאט, עס ארויסגעוויזן אויף שריט און טריט, אויף די הענט זי געטראגן. פון יעדער רייזע עפעס אנדערש מיטגעברענגט, סאמעט און זיידנס, א מופעלע, א היטעלע און פארשידענע לעטשעלעך מיט פאמפאנדעלעך און שיכלעך אויף קלעצלעך. זי איז געווען שיין און קליין, מיט גוידערלעך גראציעז־באוועגלעך פוכליק און פוכיק, און ווי געבלאזן פון זיך מיט די פארשנירלטע ליפעלעך . . .

די מומע אסתר־רייזל איז געווען פון וואלבעראם, פון א נגידיש־חסידיש הויז. דער פאטער אירער איז געווען א פאדרייטשיקביים רוסישן מיליטער, אן ארייגנגייער אין גרויסע גיטער. דער זיידע „האלטעק״, דער טשעלאדזשער בעל־גוף, האט זיך געזוכט איינצוקויפן נישט גאר אין רבנישן, נאר אויך אין נגידישן יחוס.

איינמאל פרייטאג פארנאכט, פאר פארמאכן שוין די געוועלבער, קומט אן א פארמאכטע קאטש, און פון איר שטייגט ארויס ר' הערשל זילבער, אדער ווי די פריצים פלעגן אים רופן „פאן סריבני״. ער איז ארויסגעשטיגן אין זיין גאנצער פארנעמקייט, אין שווארצן שניץ־ראק, אין געפרעסטן קראגן מיטן שווארצן בענדל. די שטיוועלעך גלאנצן חסידיש־נגידיש, אבער דער פעטער היימל, ארויסלויפנדיק אויף די טרעפ פון זיין געוועלב, דערקענט שוין, אז



ס'איז נישט כשורה.

דער פעטער חיימל איז געקומען אין שטיבל אריין צו קבלת־שבת, אבער אן זיין שווער. שבת בייטאג איז ר' הערשל זילבער ארויפגעקומען, בלויז נישט דער זעלבער ווי אלעמאל, אבער דאך בנעימותדיק: מיטן טאטן געשמועסט חסידות, וועלט־נייעס, א גלייך־ווערטל, מיר געגעבן א סאמעטן קניפל אין בעקל און אזוי פאר יעדן ייד געהאט א וועלטלעך גרויס־שטאטיש ווארט. ער איז געזעסן אויבנאן, מיטן פעטער חיימל אינם וואלענעם טלית מיט דער ברייטער, זילבערנער שפאניע — אבער ווי אויגעלאשן.

פארנאכט האט מען זיך שוין ביי אונז אין שטוב געסודעט. די יינגסטע טאכטער איז אוועק מיט א יינגען דראנוגער אפיציר.

ניין, מיין מאמע האט קיין נקמה נישט געהאט אין דער מומע אסתר־רייזל זי איז נישט אריבערגעלאפן צו איר. דארטן האט זיך געטון, מסתם, חושך. אונז קינדער האט זי געהאלטן ארום זיך, מ'זאל נישט „אריבער לויפן״. די מאמע איז געזעסן איבערן קרבן־מנחה סידור און געזאגט תהלים און געוויינט; נישט הויך ווי די באבע מיט „געאכפערטע״ ווערטער. זי האט געקוקט אויף די קליינע ווערטער אין עברי־טייטש, זיך געשאקלט און זיי באגאסן מיט טרערן.

נאך א גרעסער אומגליק איז געשעען אין מילעוויץ!

דעם קומענדיקן חודש ברויך צו זיין לייב הערש'ס חתונה. מ'האט אויפן הויף אויפגעשטעלט אן עקסטרע הילצערן הויז פארן יינגן פאר, א מקווה געמאכט; אזוי האט געוואלט לייב הערש, דער עילוי פון דער טשאכעטשאווער ישיבה. עס זיצט שוין א שניידערקע אין הויז און נייט די „וויפראווע״, די חתונה־בריוולעך זיינען שוין אפגעדרוקט, נעמט דער עלטערער איידעם, משה־לע, אן איניקל פונם בענדינער רב ר' איטשע, זצ״ל, א „טאטנס א קינד״, וועלכער עסט קעסט אין מילעוויץ און הענגט זיך אויף.

משהלע, א קיילעכדיקער, א תמיד לאכעדיקער — אגיל ואשמחיק — קוים צוויי יאר ווי ער האט ערשט חתונה געהאט מיט דער שענסטער טאכטער פון פעטער יידע־פייוול, פריידעלע די בריהטע אין גרויסן געוועלב ווען דער פעטער איז פארטון אין זיינע גרויסע געשעפטן פון די שטיינברוכן און הוטע־ליווערונגען.

מ'איז געשטאנען פאר א חידה: איז עס געווען ווייל ער האט געפילט מיט לייב הערשנס קומען אויפן הויף קיין מילעוויץ וועט זיין שטערן מער נישט אזוי לייכטן? קיין צו גרויסער למדן איז ער נישט געווען, א חסידיש נגידיש קינד, א מיוחס, אבער דא קומט לייב הערש, א ווילדער עילוי, וואס פארשיינט גאנץ זאגלעמביע און דערצו נאך א מושלם בכל המעלות, אן אייגע־נער, א געשוועסטערקינד פון דער כלה, אויסגעקאכט מיט דער גאנצער משפחה!

איז עס געווען שטילע סכסוכים מיט זיין יינג ווייבל? צוויי יאר „שוין״ נאך דער חתונה און קיין קינד ווייזט זיך נישט. זי א שלאנקע, א קלוגע און ער א קיילעכדיקער, א פעט־לייביקער ווי עפעס א מין חצי זכר. אז ער פלעגט

אנפארן אויף דער בריטשקע קיין טשעלאדזש און מיר געבן א קניפל אין בעקל: „וועלכע סדרה גייט?“ האב איך געפילט זיינע פעטע פינגער אויף דער באק און מיר געגעבן א וויש, ווי געוואלט אפווישן דאס קניפל... און קיין לעצט געלט האט ער אויך נישט געגעבן קיינמאל!

מען קאן זיך פארשטעלן וואס עס האט זיך געטון ווען שמעיה שמייסער איז געקומען אריינצולויפן פון פערד־שטאל אין געוועלב אריין ווי משוגע:

— משהלע הענגט!

אלע האבן אים אנגעקוקט ווי משוגע און אליין ווי משוגע אויסגעזעען.

און ערשט שפעטער, דאס ציען זיך פון „דער חליצה“, די בוררותן. דער ברודער פונם געהאנגענעם משהלע האט געוואלט ארויסקריגן דעם נדן... עס איז געווען חושך! די חרפה, די געקריגערייען, די אפגעלייגטע חתונה, די שאנד פון דער גאנצער משפחה.

דער פעטער יידע־פייוול, מיט זיין קוראזש, האט געוואלט אלץ צודעקן, אבער ס׳איז נישט געגאנגען. די שטילע מומע טייבעלע איז אויסגעגאנגען ווי א טויב. אויף איין מיטגליד פון דער משפחה, אויף וועמען ס׳איז נישט געווען צו דערקענען גארנישט, דאס איז געווען די יינגע אלמנה — פריידעלע!

זי איז ווי שענער נאך געווארן אין איר פארשטעקטן טרויער אינם שווארץ־זיידענעם שאל אויף איר קאפ, די שווארצע שפיצלעך האבן אראפגעהאנגען אויף איר גלאטן, ווייסן שטערן און די חן־גריבלעך האבן נאך פארטיפט איר רייץ — זי איז געשטאנען הינטער דער טאשעוואניע שטאַלטנע שטאַלץ, ווי קיינמאל גארנישט, ווי גארנישט וואלט געווען געשעען.

די חליצה איז פארגעקומען ביי אונז אויבן אין שטיבל. ווען דער בענדינער רב ר׳ בעריש גרויבארד, אין שטריימל אנגעטון, דער דיקער בית־דין שמש אויפן קאזשיאל, איז אנגעפארן אין מארק אויף דער קאלעס, איז גאנץ טשעלאדזש זיך צו זאמענגעלאפן.

ווען פריידעלע איז אנגעפארן אויף דער אפענער בריטשקע, — אזוי האט זי דווקא געוואלט! — האט זי אויסגעזעען ווי א כלה אין שלייער, אין איר שווארצן, זיידענעם שאל. דעם פעטער יידע־פייוולען ביי איר זייט איז נישט געווען צו דערקענען — שוואַרץ און איינגעבראָכן.

איז עס געווען א פארביסענע, בלינדע קנאה צו איר שוועסטער, צו איר פאטער, צו דער גאנצער משפחה, וואס איר גורל איז אויסגעקומען, אז איר יינגערע שוועסטער אסתר זאל קריגן לייב־הערשן פאר א מאן, דעם שיינעם שלאנקן, בלאנדן בחור, מיט פיאות־פלעשלעך, דעם עילוי פון סאכאטשעוו און זי זאל מוזן אפפינסטערן איר לעבן מיט דעם קיילעכדיקן פעטן משהלע, דעם איינגערעדטן גרויסן מיוחס און נישט גרויסן חכם? איז עס געווען א סוד, וואס זי האט געטראגן אין זיך? איז עס געווען איר שטארקער, שטאלצער כאראקטער? זי האט געשראקן מיט איר טרויעריקער שיינקייט.

ווען דער פעטער יידע־פייוול איז אריינגעקומען אין שטוב איז ער צוזאמענגעבראכן, איז געפאלן אויפן טאטנס פלייצעס ווי אן אונטערגעהאקטער



דעמב, וואס פאלט אויף איינעם ארויף אים, חלילה, צו דערהרגענען.

דער טאטע האט זיין שוואגער גאר שטארק ליב געהאט:

— יידע־פייוול, ס׳איז צופיל פאר מענטשלעכע כוחות. כ׳פארשטיי, אוי, ווי כ׳פארשטיי דיך... קריגסט דאך דערפאר לייב־הערשן... תורה איז מען קונה מיט מסירת־נפש. „אדם כי ימות באוהל“ —

עס האט זיך עפעס אפגעטון אין אונזער משפחה, און איך בין שוין געווען צו גרויס, אז די מאמע זאל מיך נעמען אויף דער שויס און זאל מיר נאך דערציילן אירע מעשיות — דאס לעבן האט שוין גענומען רידן צו מיר קלארע דבורים! און איך אליין האב שוין אויך אנגעהויבן פארוויקלט צו ווערן אין פלאנטער. מיינע רעיונות און אומפארשטענדלעכע געפילן, זיי האבן מיר ארויסגענומען דעם מארך פון די עצמות — דער בער האט זיך אפגעריסן פון דער קייט און גענומען לויפן צוריק אין וואלד אריין, און די קייט האט זיך געפלאנטערט צווישן די פיס — עס איז נישט געווען דער סוף פון דער שפינענדיקער מעשה פונם בער. זי האט זיך ערשט אנגעהויבן.

• • •

טשעלאדזש איז נישט געווען קיין מקום מקדמונים, וואו ארום שול און בית־מדרש, הקדש און מקווה, מארק און שול־הויף שטראלן ארויס יידישע געסלעך, געפאקטע מיט יידישן טומל, מיט חדרים און תלמוד־תורה־יינגלעך — אן אלט־איינגעזעסן לעבן אין אייגענע דלד־אמות. טשעלאדזש איז געווען דאס לעצטע דארף אין רוסיש־פוילן, דירעקט אויף דער פרייסישער גרענעץ, און איז געלעגן צעווארפן אויף גאַנצע קילאמעטערס; וואס האט זיך געצויגן מיט שטיינברוכן און קאלך־אויוונס ביז פיאסעק און מילעוויץ און איבער די „זשיקע“, די ברינִיצא, מיט בערגלדיקע לאנקעס, ביז סאטורניע צו דער ערשטער קאפאלניע בכל אופן די גרעסטע, אין זאגלעמביע. און אויף דער אנדערער זייט, אויפן וועג וואס ציט זיך קיין בענדין, מיט תבואה־און קארטאפל־פעלדער, וואס ציען זיך ביז גזישיכעוו, גרויצע און העט העט ביזן שפעדיקן שעוער.

„שווארצערס“, שמוגלערס, האבן שוין געוואוסט, מסתם, פון טשעלאדזש פריער. דארף־גייער האבן שוין אהערגעטראפן מיט זייערע שפיציקע שטעקנס, אפצויאגן זיך פון די דארף־הינט; שניידער־וואנדערער האבן שוין איבערגעשלאפן א נאכט ביי דעם רייכערן פויער, ביי דעם כאמישן בעל־גוף און צורעכטגעמאכט א קאזשוך, א סוקעמאן, סערמינגעס, א פויערישע ספודניצע, אויפגעדזשאַבעט א פריצישע טענדע־ווערענדע.

דער ערשטער ייד, וואס האט זיך באזעצט אין טשעלאדזש איז געווען אלטער־נחום טשעלעדזשער, ווי די סוחרים פון בענדין האבן אים גערופן אדער נחום צימעס — די פארמאנעס און די באכמאנעס אויף דער בריק, וואס האבן נאך געקענט זיינע פינף פעטערס, וואס האבן „געפירט“ וועגענער זאוויאזעס פון פרייסן, אדער ר׳ אלטער־לעבן, ווי די חברה פון „זימנע דופע“ האבן אים געחנפעט, אפווארטנדיק אים הינטער בערג.

באהאלטן הינטער דער סובריע פלעגן שוין שטיין בכבודיקע יידן, ווייטע

קרובים, חברים נאך פון וואלבעראם. ער האט זיי דערזעען און אראפגעשפרונגען פון פולן, געפאקטן וואגן סחורה, איינעם געשטעקט אין יד אריין, איינעם צוגעזאגט: „עס וועט שוין זיין גוט" . . . „קאנסט דיך פארלאזן, צוערשט גאט . . ." און איינעם, וואס איז אים געפאלן: „כאפ דיך ארויף אויפן ,דראנזשעק', וועלן מיר כאטש האבן א מזומן אויף שבת" . . .

די מאמע פלעגט מיר אנווייזן נישט אויף איין גביר אין טשעלאדזש, וואס איז געווען א „יינג" אין זיידנס שפייכלערס.

דאס איז געווען דער ערשטער מנין יידן אין טשעלאדזש! דער זיידע איז געווען פון וואלבעראם, א בעל־גוף, די גוים האבן נישט נאר געציטערט פאר דעם זיידנס א כמאל, נאר אויך אים ליב געהאט פאר זיין גוטווארט; אים גערופן „נאשי האלטעק". באבעס האבן אים באגריסט מיט „סטארי זאקאנניך".

די באבע איז געווען פון פשערעוו, אן אייניקל פון אייניבינדערל", פון דער חבריא פון ר' דודל לעלעווער. ווען דער טאטע פלעגט שמועסן מיט דער באבען, האבן זיי גערעדט מיט גרויס אפשיי פון דעם זיידן. אין איר אויסזעען האט זיך עס נישט אנגעזעען; אז איר „צד" זאל זיך געפינען אן, אייניבינדערל" . . . זי איז געווען גרויס, שטארק, נישט געקענט איינרוען. רק געלאפן פון אונז צום פעטער חיימל, פון פעטער חיימל צו אונז — ארויסלויפן קיין מילעוויץ איז געווען פאר איר א שפרייז! ווען איך האב זי געקענט איז זי שוין געווען איבער אכציק. ווען דער טאטע האט צו איר גערעדט, האט ער געקוקט אין דער זייט. אויס פרומקייט? אדער איז זי פאר אים געווען א צו שטארקער כאראקטער? אברהם האט זי נישט ליב געהאט. איז עס געווען פון אייפערזוכט, ווייל זי האט מיך אזוי שטארק ליב געהאט? אלע חנוכה האט זי מיר געגעבן א גאלדן רענדל חנוכה־געלט. איינמאל, גייענדיק מיט אברהמען זיך שפילן, האט זי מיר מיטגעגעבן א טיט מיט בארנעס און געזאגט: „געב אברהמען די העלפט".

מאכט אברהם צו מיר: „זי איז גארנישט אזא גוטע, זי האט נאר מורא דער בויך וועט דיר ווי טון" . . .

די באבע חיה־רבקה האט מורא געהאט פארן טויט! האט נאר רק גערופן דעם דאקטאר און געשיקט א שליח מיט א קוויטל קיין כענטשין, קיין וואלבעראם . . . אין איר שטוב, אין אונטערשטן שופלאד אין דער קאמאדע האט זי געהאט אירע ר' מאיר בעל נס־פושקעס און אנדערע פרומע קניפלעך און פארשידענע באבסקע קרייטעכצער, אנגעשפראכענע שטיקלעך צוקער און פלעשלעך וואסער. אין אירע רואיקע שעהן איז זי געזעסן ביי איר טישל פול מיט תחינות און מיט עברי־טייטש ספרימלעך, זאגן מעמדות אדער לייענען דאס טייטש־חומש.

ווען די מומע שיינע־קילע, דער באבעס שוועסטער, פון פילץ איז געקומען אויף א יום־טוב קיין טשעלאדזש, איז די שטוב פול געווארן מיט הייליקייט. דער טאטע האט ליב געהאט צו קוקן ווי זי גייט, ווי זי העלפט צו;



א קליינע, א שטילע, א פאמעלעכדיקע, אבער אלץ געטון מיט אזוי פיל פריילעכקייט און כוונה . . . זי אליין האט געמוזט זיין אזא מין אייניבינדערל"! אז דער טאטע האט מיט איר גערעדט האט ער זיך אויפגעשטעלט „און געקוקט אויף איר מיט פול אפשיי.

דער ערשטער טשעלאדזשער מנין איז געווען פון זיידנס הויזגעזינט, משפחה און „יינגען". א „גייער" איז געבליבן וואוינען, א שניידער האט זיך באזעצט ביי א רייכן בעל־גוף, א ייד האט געמאכט „פליטה", א יורד פון בענדין אנשטאט צו גיין איבער דער גרענעץ, זיך געעפנט א געוועלבל אין טשעלאדזש. עס האבן אנגעהויבן צו קומען זעקל־יידן פון „מלך אביון'ס" גיטער: יידן האבן זיך אויסגעשפרייט איבערן גאנצן פלאץ. אין יעדן נייעם הויז אין מארק, אויף דער פשעדמיעשטשע, צו דער „זשיקע" אראפ א געוועלב, אין די געסלעך בעל־מלאכות, שניידער, שוסטער, א בעקער, בלעכאזשעס. ס'האבן אויך שוין אנגעהויבן אונטערצואוואקסן די קינדער, איידעמס און שנירן; א מקום פון אכציק־ניינציק יידישע פאמיליעס, צוווארפן אויף פינף־זעקס קילאמעטער.

דערפאר איז נישט נאר שווער געווען מיט אויפנעמען א מורה־הוראה, נאר אפילו צו האבן א שטענדיקן מלמד. גיי, שלעפ צוזאם א חדר מיט קינדער פון די אלע מהלכן. האט דא און דארט יא געקנעלט א מלמד א דרדיקער א זמן אין וואלבעראמער שטיבל, א גמרא־מלמד אין אונזער שטיבל, איז עס געווען ווייל ער האט אין א גרעסער מקום נישט געקענט צוזאמענשטעלן קיין מלמדות, אדער גלאט א ייד א לא־יצלח געקומען פון מלך־אביון'ס גיטער; און דעם צווייטן זמן שוין זיך געעפנט א געוועלבל.

מילא, איז נישט קיין גרויסע פעדאגאגן. עס איז פשוט געגאנגען אין האבן א חדר, נישט אין א מלמד: זייט יענעם „פאל" ביי דער זשיקע מיט דער „הענטשקע" האבן זיך יידישע קינדער מיט גויאישע נישט מער געחברט, און די גאס איז אויך נישט מער געווען „אונזערע" — אויס מיט „מלך פאטשענע," מיט „פאלאנט". מיר האבן אנגעהויבן שפילן „קאמער־קאמער־טיר" און „באהעלטערלעך" אויף די הייף, און „דער חדר" מיט יינגלעך האט זיך פון אליין צונויפגעשטעלט אויפן הויף פון וואלבעראמער שטיבל און אויף אונזער הויף.

איין שטענדיקער מלמד איז געווען. דאס איז געווען זלמן בעקער, וואס האט געהאט זיין בעקעריי ביי נחמיהן אין הויז, וואו ס'איז געווען דאס בית־המדרש און די מקווה. אויף דער עלטער, זלמן בעקער איז געלעמט געווארן אויף די פיס, האבן די זין איבערגענומען די פיעקארניע. זלמן האט אפגעלערנט מיט די קינדער ביי זיך אין שטוב און א גאנצן טאג האבן זיי זיך געשפילט און ארומגעהרגעט און „פארדרייט" דאס בית־מדרש.

דער פראסטער עולם אין בית־המדרש האט דאך שוין געהאט עפעס זייערס — אן אייגענעם חדר!

מעגלעך, ווען דער קלוגער זלמן בעקער — מען האט אים אויך גערופן זלמן הויקער — האט זיך איינגעזעצט יצחק ברילען פאר אן איידעם, האט

ער אויסגערעכנט — דער זלמן איז געווען א יודע־ספר, אן איינגעשפארטער חקרן, נישט בחינם האט ער געהאט א הויקער . . . : יצחק וועט עסן צוויי יאר קעסט, קריגן היתר־הוראה און ווערן מיט דער הילף פון גער מו"ץ אין בית־המדרש. יצחק אבער, דער קרענקלעכער ישיבה־בחור מיטן שמאלן שווארץ־חנוודיקן־פנים און קלוג־שמאלן בערדל, האט זיך מער צוגעקוקט ווי־אזוי מ'פירט געשעפט אויף „די ביכלעך"; וויאזוי מ'רעדט און מ'באהאנדלט קונים ווי ארייגעקוקט אינם „יורה דעה", און נאך פאר א יאר נאך דער חתונה געעפנט א געוועלבל אויפן צווייטן ראג מארק און שנעל געווארן כאחד הגבירים.

אונטן הינטערן בארג, אין די געסלעך, אין וואלבעראמער שטיבל, וואו די בעל־מלאכות האבן געמוזט ארויספטרן ס'קליינוואַרג פון די ענגע דירות, די גרעסערע האבן זיי געזעצט צום ווארשטאט, אויפן שוסטער־בענקעלע, האט זיך א מלמד דאך געהאלטן א צוויי־דריי זמנים — דער עיקר איז עס געווען אברהם־יידעלע, וואס דער מלמד האט ביי אים אין שטוב געהאט דאס גן־עדן. שבת האט ער אויך געלערנט מיטן עולם פרק.

דאס ערגסטע איז געווען אין „אונזער שטיבל"! די קינדער פון די נגידיש־חסידישע בעלי־בתים ארום מארק, די געקעכלטע לאבוזעס, וואס האבן געקענט איינעם די אויגן ארויסרייסן; אז א מלמד איז מיט אונז אויסגעקומען א זמן, איז ער געווען פון אייזן.

איין זמן, דעם וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן, דער רבי איז געווען ר' ישראל סטאשיווער, א געפוצטער, אן איידעלער אין גאלדענע ברילן, ער האט געמוזט עוקר זיין פון בענדין, חסידים האבן געמסרט זיין „ראזראשענע", ווייל ער האט געלערנט מיט די קינדער דקדוק.

אין לעצטן טאג חול־המועד איז ער ארויסגעקומען קיין טשעלאדזש און צוזאמענגעשטעלט א חדר. ער איז אריינגעקומען צו אונז, געזעסן קייגנאיבער דעם טאטן און געשמועסט און געקוקט אויף מיר, די ווילדע בריאה, דורך די ברילן אדורכגענומען און געשמייכלט. איך האב אים ליב געקריגן. ס'איז געווען אזא פארלוירענע גוטסקייט אויף די דינע ליפן, וואס האבן אזוי דייטלעך־רויט ארויסגעקוקט פון זיין פיין־פארקעמט שווארצן בערדל און צוגעשוירענע וואנסעס.

דער טאטע האט מיך געפרעגט:

— ווילסט לערנען ביי דעם רבין?

— יא, — האב איך אויסגעשריגן און אין גאנצן געציטערט.

דער טאטע האט זיך אויפגעשטעלט:

— רעד איך מיט אייך אויס, אז ווען איר וועט לערנען דקדוק און שרייבן זאלט איר אים אראפשיקן. און די „ראזראשעניע" מיטן צאר זאלט איר נישט אויפהענגען. „ער" וועט הענגען אין שטיבל ווי א יוון אין סוכה.

ר' ישראל סטאשעווער האט זיך אויך אויפגעשטעלט, קלוג געשמייכלט איבער דעם לעצטן זאץ און סטאטעטשנע געזאגט:



— כ'וועל אייך זאגן, כ'האב גענומען א גאנץ הויז אויף דער זייט פשע־דמיעשטשע. אויבן וועל איך האבן די דירה און אונטן, אין די בהרחבהדיקע חדרים לערנען מיט די קינדער.

מיר האבן ביידע מורא געהאט אז דער טאטע קריגט באלד חרטה. ער איז שנעל ארויס און איך בין אים נאכגעלאפן, ווי א קליין הינטל. ער איז אריינגעגאנגען און איך בין געבליבן דרויסן שטיין. פאר איין געוועלב איז ער ארויסגעקומען אויף דער שוועל, געוויזן אויף מיר און אריינגערעדט אין געוועלב אריין:

— איר זעט, דאס יינגל מיט די פיאות לערנט אויך ביי מיר! — און ער איז צוריק אריין אין געוועלב.

ווען איך בין אהיימגעקומען, זיינען געזעסן אין שטובביים טאטן יצחק בריל און הענעך פון דער זודע־פאבריק, ביידע פון גערער שטיבל. יצחק האט זיך געקאכט:

— היתכן, איר האט געגעבן אייער יינגל אין א חדר מסוכן, א שקאלע מיט לאווקעס, וואו דער פסל פון צאר וועט הענגען אויף דער מזרח־וואנט!

כ'האב געזעען, אז דער טאטע איז אין קלעם. ער האט געענטפערט נישט נאר צו זיי, נאר זיך אליין:

— כ'האב אים געפרעגט צי ער פארט ערגעץ, האט ער מיר געזאגט, אז קיין כענטשין. מילא, זאל זיין ווי איר זאגט, א ווייבערישער רבי, אבער ווען א ייד פארט צום „מאור ושמש" אן איינקל, דעם „גוטן ייד" פון ניישטאט, קאן איך אים נאך אנפארטרויען מיין קינד אויף א זמן.

יא, ס'איז געווען א שקאלע מיט לאווקעס. ער האט נישט געלערנט חומש מיט א ניגון, אבער יעדעס ווארט, וואס איז ארויס פון זיינע ליפן, איז געווען אזוי זיס. מיר האבן זיי אים געכאפט פון מויל ארויס. מיר האבן זיך נישט געשפילט ביים לערנען, נישט געשאקלט מיט די פיס. קיין בעזעם צו מאכן א „פעקל" איז נישט געשטאנען אין ווינקל, קיין קאנטשוק איז אויך נישט געווען. א לאפקע איז געלעגן ביי דער זייט פון רבין, און א יינגל האט זיך שוין גאר שטארק געמוזט פארזינדיקן, אז דער רבי זאל אים הייסן אויסשטרעקן די האנט צו קריגן א „לאפע".

די יינגלעך זיינען טאקע געווען א גאנצן טאג אין חדר, אבער דער רבי האט געמאכט „פויזעס" און אין די „פויזעס" האבן מיר נישט געשפילט „קאמער־קאמער־טיר", „באהעלטערלעך". דער רבי אליין האט מיט אונז געשפילט די מעשיות פון די „שוואברעס", „דוד און שאול", „דוד און יונתן", „שמעון ולוי אחים", „יוסף און זיינע ברידער".

ווען ס'איז געקומען די שעה פון דקדוק און די שעה פון שרייבן, האט דער רבי הויך אויסגערופן און דאס דווקא יאָ מיט אַ מין ניגון:

— אברהם־נחום, גייט יעצט אהיים.

איך בין געגאנגען מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, מיט א באטריבט הארץ און אלע האבן מיר מיט באדויערונג נאכגעקוקט.

כ׳בין אהיימגעקומען האב איך געוויינט:

— כ׳וויל אויך קאנען שרייבן! — דקדוק האב איך נישט געוואוסט וואס דאס איז. האט דער טאטע גענומען א בויגן פאפיר, אויפגעשריבן „אלף־בית" און מיך געהייסן נאכשרייבן. איך האב נאכגעשריבן:

— און איצט וואס? — האב איך געפרעגט, מיט א גערעכטער בייזקייט.

— שרייב נאכאמאל נאך.

איך האב נאכאמאל נאכגעשריבן. איך האב אויפגעהויבן די אויגן. האט דער טאטע, שטייענדיק איבער מיר, געשמייכלט:

— דו קענסט דאך שוין! וואס ווילסטו? זיי האבן גראבע קעפּ, מוזן זיי אלע טאג שרייבן דאס זעלבע. וואס בין איך שולדיק אז זיי האָבן גראָבע קעפּ?

מער ווי איין זמן האב איך ביי ישראל סטאשעווער נישט געלערנט, און ער איז אויך מער ווי איין זמן אין טשעלאדזש נישט געבליבן. די בענדינער בעלי־בתים האבן אים בכבוד גדול צוריקגערופן.

ביי אונז יינגלעך איז געווען תשעה באב, מיר זיינען נאכגעגאנגען ווי נאך א לוויה ווען די פירן זיינען געפארן מיט די לאווקעס און דעם רבינס מעבל צוריק קיין בענדין. מיר האבן אים אלע ליב געהאט, מיר האבן זיך געפילט פארלאזענע.

אויפגעהערט איינגאנצן צו גיין אין חדר, איז געווען אזוי: ס׳איז ארויסגעקומען א שווארץ־באוואקסענער ייד, ווי א בער; דאס גאנצע פנים — בלויז בארד, די הענט אפילו באוואקסן און ביי דער האנט פירט ער א קליין יינגל. און דאס יינגל, א דערשראקנס, א בלייכס, ווי א גרוי מלאכל: אייגנטלעך איז ער נישט קיין מלמד, ער איז נאך ביים שווער אויף קעסט, נאר ער פארט ארום נאך א „היתר מאה רבנים". דאס ווייב איז „לא־עלינו"... אבער אז מען וויל, קאן ער דא בלייבן אויף א זמן.

אויב ער וואלט געווען געקומען פאר ר׳ ישראל סטאשעווער, וואלטן מיר אפשר פארשטאנען זיין נישט־ארטיקולירט און כאפנדיק ארויסריידן, זיין ברומען אין דער געדיכטער בארד און נאסער וואנס. ער האט זיך גענומען טשעפּען צו אונז, קנייפּן אין דיקן פלייש, אנדרייען אן אויער, די קליינע האט ער געשמיסן אויפן בלויסן. מ׳האט געזעען ווי די אויגן צינדן זיך אים אן. די גרויסע האט ער ארייינגעשלעפּט אין ווייבער־שול און דרינען „מקיים־פסק געווען"...

איך בין געווען א שיין געקעכלט יינגל, מיט געקרייזלטע פּיאהלעך און פּוכיק־פּוכלע בעקעלעך, און אז כ׳האב געוואלט בין איך אויך געווען א גוט יינגל. ער האט מיך געזעצט ביי זיין רעכטער האנט און תמיד האב איך געקריגן פון אים א קניפּ אין באק אריין; האב איך געוואוסט, איז עס געווען א גוט קניפּל; האב איך נישט געוואוסט, איז עס געווען א בייזער קניפּ. אבער תמיד האט מיך געעקלט זיין שווארץ־באוואקסענע, שווייסיקע האנט.

איך האב בפירוש געזעען, אז ער טשעפּעט זיך צו מיר ביז ער האט מיך אין ווייבער־שול און „מקיים־פסק געווען"... איך האב נישט געשריגן, עס האט מיך מער געעקלט ווי וויי געטון. ער האט אויסגעזעען ווי א משוגענער



— יא, ווי דער בער, וואס האט געטאנצט אין מארק. ניין, ווי דער בערן־טרייבער מיט דער בייטש אין דער האנט, ווען ר׳איז אזוי געשטאנען מלא־רציחה, א שווארץ־באוואקסענער, א צעפּראכטער, אן קאפּל. ראנגלענדיק, איז עס אים, מסתם, אראפּגעפאלן. מיטן קיינטשיק אין זיינע האר־באוואקסענע פינגער.

איך האב נישט דערציילט. כ׳האב מיך ארומגעדרייט א דערשלאגענער אן אפּעטיט. די מאמע האט מיך געפרעגט, מיך נאָכגעפּאָרשט מיט די אויגן, איך האָב אויסגעוויכט.

אין מקווה, ביים ארומוואשן מיך, האט דער טאטע דערזעען מיין צעפּאסמעוועט גופל: בלוי און גרין. ער האט גארנישט געזאגט, נאר כ׳האב געפילט אין זיינע הענט.

אויפן וועג אהיים איז ער געווען נאך דערשלאגענער פון מיר. בארג ארויף, זיך אנרופנדיק צו מיר:

— שווער צו זיין א ייד, שווער צו זיין א ייד! — און געקוקט אויף מיר ווי מיר לייכטער צו מאכן מיט די ווערטער.

דער מאמען האט ער, אפנים, עס דערציילט, גרינגער צו מאכן איר אויפרעגונג. ער האט געוואוסט, אז ביים איבערטון מיך פאר ליכט־בענטשן וועט זי דאך עס דערזעען:

די מאמע האט פארביסן די ליפּן:

— ברענג זיי נישט אראפּ, אויב דו ווילסט נישט האבן א צעשטערטן שבת. — זיי האבן דעם פרייטאג־צו־נאכטס געגעסן ביים פעטער חיימל. שבת אין דער פרייי זיינען זיי ביידע נישט מער געווען. ער האט עוקר געווען מיטן יינגל אין מיטן דער נאכט און מיטגענומען מיט זיך די זאכן. מסתם האט דער טאטע מיט אים גערעדט אזוי, אז ער האט שוין אלץ פארשטאנען.

ביים דאווענען, אין ווייבערשול, האט די מאמע געפונען צעשיט עטלעכע קאלערלעך זיידענעם גארן. זי האט עס שנעל גענומען אין איר טאש אריין, זי האט אלץ פארשטאנען: ביים פאקן שנעל די זאכן מסתם צעשיט... נאכן עסן איז זי מיט מיר אריינגעגאנגען אין דער באבעס שטוב און מיר שטרענג אנגעזאגט איך זאל אלץ דערציילן. איך האב דערציילט.

— ניין, — באפעלט זי, — דאס מיטן זיידענעם גארן!

איך האב מיך צעוויינט:

— דעם רבינס יינגל האט געהייסן מיך נעמען, און זיך געשטאפּט די טאשן.

די מאמע האט זיך צעוויינט. דער טאטע איז געשטאנען אין דער טיר און מיט א געמאכט הלצה־שמייכעלע געזאגט:

— וואס בעטשעט איר, ווי מ׳וואלט אייך ביידן די קאפּאטע געקוילעט! „אותה ואת בנה"... שוין גענוג, ער האט שוין יוצא געווען. ער קאן שוין אלץ, וואס מ׳קאן אויסלערנען אין ק״ק טשעלאדזש אין א חדר.

איך בין דעמאלט געווען קוים דעם נייטן יאר! פארמיטאג האב איך געדאווענט אליין אין שטיבל, אמאל געוואלטיק פרום, נאכגעמאכט שלמה שוחט

ווי ער שאקלט זיך און געקנייטשט דאס פנים, דבקיה׳ט און מאכט ווילדע הועיות; און אמאל אפּגעכאפּט שנעל, נישט געזאגט פון פאַרנט, נישט פון הינטן און שוין, כ׳בין הינטן. נאכן אנבייסן האט דער טאטע מיר אויפגעגעבן א גרינג „לייענען", מאנכמאל מיך צוגערופן, געלערנט מיט מיר א משנה, א סימן אין „אור חיים" איך האב שטארק ליב געהאט איבערצוחזרן „שופטים", שמואל א׳ און שמואל ב׳ און יענע שטיקלעך גמרא, וואס כ׳האב געלערנט ביי ישראל סטאשעווער.

נאכמיטאג בין איך מיטגעאנגגען מיט די שוועסטערן זיך שפילן מיט זייערע חברטעס צו מענדל גרויצער אין ביר־קעלער, וואו מיר האבן געשפילט „באהעלטערלעך" הינטער די פעסלעך אדער „שווארצער".

דאס עלטערע מיידל מענדל גרויצערס איז געווען א הויקערדיקע, א קליינע נישט גרעסער פון אונז, אבער שוין א בוגרת. זי האט מיט אונז מיט־געשפילט. תמיד בין איך געווען דער „אביעשטשיק", און ווען כ׳האב זי באזוכט בין איך אדורכגענומען געווארן מיט איר ווארעמקייט. איך האב געפילט מיט מיינע קינדישע הענטלעך ווי זי וויל אלץ מער און אלץ ווייטער איך זאל זוכן. איר נאָכגעבעדיקע נאקעטע בייניקייט האט ממש געגליט מיינע פינגער.

איך האב עס ליב געקריגן, דאס אהינגיין שפּילן זיך ביי מענדל גרויצער און אין מיטן „לייענען" מיך פארטראכט דערפון: דער פוקל פון פאַרנט איז גאר געווען סודותדיק, גייענדיק מיט די פינגער, דאס אנטאפן פלוצלינג אזא ווייכס, אזא אטעמדיק־ציטערדיקס, איר וואַרעמען אָטעם שפּירנדיק אויף מיין פנים . . . און דאָס גאָלדענע קייטעלע אויף איר האַלדז, ווי ס׳קלינגט . . . איך הער, איך האָרך . . .

ביים שפילן „באהעלטערלעך" פלעגט זי זיך תמיד באהאלטן מיט מיר. איינמאל ביים לענגערן זוכן אונז האט זי מיך געטוליעט:

— שא, שטיל... ריר דיך נישט... — איך האב געהערט איר אטעמען.

ביים געפינען אונז האב איך פריידיק־שפּילעריש אויפגעשריגן: „געכאפּט!"

זי איז אבער געבליבן אין באהעלטערל און זיך מער נישט געוויזן. מיר האבן אלע געהאט מיט איר רחמנות, און נישט געוואוסט וואס . . . דאס שפּילן איז נישט מער געווען דאס . . .

די שוועסטערן האבן מיך אויפגעהערט מיטצונעמען. אברהם האט געלערנט אין בענדין. דער פארמיטאג איז נאך געווען ווי נישט איז איינגעארדנט, אבער מיטן נאכמיטאג האב איך נישט געוואוסט וואס צו מאכן. כ׳האב מיך ארומ־געבלאנקעט ווי א פארלוירן שעפעלע, ווי א היימלאזער הונט; ארומגעכאכערט מיט שראלקען דעם שוחטס. פאר א שטיק ברויט, פאר א בירן געריטן אויף אים ווי אויף א פערד און געשלאגן אים מיט א טאוול פון א גמרא און פאר־דרייט דאס בית־מדרש מיטן קאפּ אראפּ. מיר האבן געווארט ביז די יינגלעך וועלן אפּלערנען ביי זלמן הויקער, זיי וועלן אריינקומען און מיר וועלן שפילן מלחמה.

שראלקע האט געמאכט א „דראכן" פון שמות און מיר זיינען אריבער



איבער די בריקן צו די לאנקעס, געלאזן פליען דעם „דראכן" און זיך געיאגט נאך די קאזעס.

אדער כ׳בין געבליבן אין „שטיבל" מיט די צוויי מתמידים, דוד דעם געלן ראובנס און דעם פעטער חיימלס מלמד. מיך צוגעהערט צו זייער לערנען און אויך געווארן א „מתמיד" ביז מנחה, אדערביידע צוגעבונדן מיט די גארטלען צו די בענק און מיך שטיל ארויסגעדרייט.

דער פעטער חיימל האט אראפּגעברענגט עפּעס א ייד א בטלן, א מתמיד א למדן, וואס זיין גרעסטער תענוג איז זיצן ביי דער גמרא און לערנען מיט זיך אליין מיט א ניגון, אויף א קול, און אויסריידן ווי עמיצער וואלט ביי אים געזעסן און מיטגעלערנט. ביינאכט האט ער געגארעט מיטן פעטער חיימלס דריי זין און אריינגעלייגט דערין זיין גאנץ לייב און לעבן, ווי ער וואלט געטון א מין פיזישע, שווערע מלאכה.

בער איז געווען א וואויל יינגל, אביסל טויבלעך, וואס האט מקבל געווען, געהאט א פעולה. אז דער רבי האט געזעען, אז בער פארשטייט, האט ער נאך העכער געשריגן און נאך מער געהארעוועט מסביר צו זיין. זיין פרייד איז געווען עד לב השמים, ער האט זיך ווי נאָכן אָפּטון אַ שווערע אַרבעט, פאר שמחה געריבן די הענט.

אברהמעלע, אדער לעבן ווי מ׳האט אים גערופן, האט זיך אלע ווײלע ארויסגעדרייט, און ער איז אים געלאפן זוכן:

— לעבן, האַ־דאָך רחמנות אויף מיין לעבן! זעסט, אז כ׳שפּיי אויס די גאל איבער דיר . . .

ישראל־מרדכי איז שוין געווען חתן מיטן שעווערער גבירס טאכטער, זיך געשפּילט מיט דער גאלדענער קייט איבערן וועסטל און געהאט פייגעלעך אין קאפּ.

איך בין נאך געווען צו קליין, אז מ׳זאל מיך צושפּאנען צו די דריי. דער טאטע האט מיך אנגעהויבן עפּטער צוצוזעצן צו דער גמרא. האב איך צו־טאטע געלייגט דעם קאפּ, האב איך אפילו „געטראפן" תוספות קשיות; און דער טאטע האט געלויכטן פון נחת. האב איך מיך פארגאפּט, האב איך צומאל נישט געוואוסט וואו מיר האלטן —

נאך אברהמס אוועקפארן, האב איך שטארק געבענקט נאך אים. ער איז מיר געשטאנען פאר די אויגן ווי ער דערציילט די מעשה מיט די גזלנים . . . און די מעשה מיטן בער האט זיך אריינגעשפּונען אויף א נייעם שפּאנענדיקן אופן, אלץ איז געווען אויסגעמישט, עס האט זיך געדרייט ווי אויף א קארוסעלא. די פאננעס פון דער קאטארינקע, דער רבי שטייט מיטן באטעק איבער דער נאקעטער כאנקען און איך גלעט דאס הויקערל . . . דאָס גאָלדענע קייטעלע . . .

דער טאטע האט זיך אויסצרייט צו מיר, מיר צו געבן צו פארשטיין וואס רש״י „וויל" און מיך דערזעען אין מיין שמייכלדיק־פארגאפּטן צושטאנד, מיט מיינע בלוי־צעמישטע גרויסע אויגן. האט ער זיך שנעל אַ שטעל אויף געגעבן, א קלאפּ צו געגעבן די גרויסע זשיטאמירער גמרא און ארויסגעגאנגען, א דער־

שראקענער פאַר מיין פאַרחושט־מטושטש אויסזען.

איך בין געבליבן זיצן ווי אן אפגעגאסענער הונט, וואס דרייט זיך אויפן עק, און געפאלן א וויינענדיקער אויף דער גמרא.

ווען דער טאטע איז צוריקגעקומען האט ער מיך שוין געטראפן פארטיפט אין דער גמרא. ער האט זיך צוגעהערט ווי כ׳לערן מיט ברען, מיט א ניגון, ווי כ׳וואלט געזעסן מיט נאך איינעם און צוזאם געלערנט... און וואונדער איבער וואונדער, איך טייטש אויס און בין מסביר מיט קלארן שכל, ווי א גרויסער... ער האט זיך איבער מיר אריבערגעבויגן און געגעבן א קוש אין שטערן, ווי זיך געוואלט אנטשולדיקן פאר מיר.

איך בין געווען מאדנע, איך האב נישט געוואלט לערנען, אבער גערן מיך צוגעהערט ווי מ׳לערנט און אז ס׳איז מיך „באפאלן" בין איך אליין געזעסן ביי דער גמרא און אלץ פארשטאנען. אז דער טאטע האט מיך געטראפן אזוי ביי דער אפענער גמרא, האט ער געהאט גרויס הנאה. די מאמע האט געלאכט פון איר נחת:

— עס וואקסט א נייער מורה־הוראה אין טשעלאדזש... וויי איז צו מיר... איינבינדערל מיינס! — האט זי מיך ארומגעכאפט קושן און געוויינט.

° ° °

נאך 1905 און נאך מער נאך דעם אומגליק אויף דער נייער הוטע, האבן די געשעפטן אנגעהויבן צו גיין מטה מטה.

ר׳ בעריש אפנהיים, וואס ס׳בית־מדרש האט אים געהאט אויפגענומען פאר מורה־הוראה האט נאך די ערשטע וואכן — „ס׳געהאלט" איז דריי רובל — קיין קאפיקע נישט מער געזען. אחוץ וואס די „קהלה" איז געווען צעשפרייט און ס׳איז שווער געווען זי ארונטערצונעמען תחת כנפי קהילה: גיי, קויף הייוון ביי דער רביצין אדער שבת־ליכט, אז פרייסישע הייוון און דייטשע ליכט האבן זיך ממש געוואלגערט אין טשעלאדזש אויף די גאסן; בלויז פון דעם, וואס די „שווארצערס" פלעגן אוועקווארפן, ווען ס׳איז געווען א „שווארצער טאג". גיי קויף רוסישע הייוון מיט באנדעראלן און לייג נאך צו א קאפיקע פארן מורה־הוראהס וועגן — עס איז נישט געגאנגען! אפילו ביים אייגענעם צד.

ר׳ בעריש אפנהיימען האט מען מער נישט געזעען גיין איבערן מארק, ער איז געזעסן הינטער דער טאשעוואניע אַ פאַרטיפטער אין דער גמרא ביז די פאליצעס האבן זיך אינגאנצן אויסגעליידיקט.

ביי אונז איז אויך געגאנגען אלץ וויניקער און וויניקער. הייזער צו פארקויפן איז אויך שוין נישט געווען. האט מען פארמאכט די טיר פון דער באבעס שטוב, פארקלעפט מיט טאפעטן און פארדונגען דעם צווייטן טייל־הויז צו משה זייגערמאכער, און אונזער קינדער שלאף־שטוב איז געווארן דער באבעס אמאליקע שטוב. די באבע איז סאי־ווי שוין געווען מער אין מילעוויץ, און אז זי איז געקומען קיין טשעלאדזש איז זי געשלאפן ביים פעטער חיימל.

משה זייגערמאכער איז געווען א קליינער א געלער, מ׳האט אים גערופן דער געלער משה. ער איז געווען א יודע־ספר, דער בעל־קורא אין שטיבל.



זי, דווקא, א ברייטע, א הויכע, א צעוואקסענע. קיין קינדער האבן זיי נישט געהאט — מ׳האט זי גערופן די גרויסע שרה.

א פרייטאג־צו־נאכטס וואך איך אויף פון א גערודער, עס רודערט זיך אויף יענער זייט וואנט הינטער די פארקלעפטע טאפעטן. ס׳איז פינסטער, די שוועסטערן שלאפן געשמאק און שנארכן, הער איך פלוצלינג ווי די גרויסע שרה זאגט: „משהלע, האב איך נישט א תח... ווי סאמעט?"

איך בין געבליבן שטיל, צוגעביסן די ליפן, דאס הארץ האט מיר אנגעהויבן קלאפן, נישט פון שרעק, פון עפעס וואס, וואס כ׳האב נישט פארשטאנען: וואס גייט דא פאר?... אזא גרויסע שרה... און משה זייגערמאכער, מיט אזא לאנגער געלער באר‌ד... בעל־קורא אין שטיבל... שפילן זיי זיך דרינען אין „באהעלטערלעך", אין „שווארצן"? כ׳האב גענומען כיקען אין קישן אריין. דאס רודערן אויף דער צווייטער זייט איז געווארן שטילער... כ׳בין צוריק איינגעשלאפן.

אין דער פרי ביים לייענען האב איך כסדר געקוקט דעם געלן משה אין די אויגן אריין, כ׳האב עפעס געוואלט ארויסגעפינען. ער האט מיך געשטויסן פון זיך מיטן פינגער, וואס ער האט געוויזן וואו א קוש צו טון און מאכן די ברכה, ווי ער האט מיך געשטויסן פון זיין ארבעטס־טיש ווען ער איז געזעסן מיט שפאקטיוו אויפן אויג: רק סודות האבן זיי, די גרויסע... אבער מיר קענען זיי. מיר ווייסן שוין אויך עפעס...

אויף יום־טוב איז אברהם אהיימגעקומען. דורך זמן לערנענדיק אין דער גרויסער שטאט, טעג עסנדיק, איז ער אהיימגעקומען א גאנצער בחור. ער האט אויך געוואלט שפילן דעם גרויסן, דעם דערוואקסענעם לגבי מיר, ער איז אויך עלטער געווען פון מיר מיט א פינף יאר. מ׳האט אים גערימט, פיפציק בלאט גמרא קידושין קען ער פון אויסנווייניק. ער האט געשמועסט מיט יינגעלייט, מיט דודן דעם מתמיד, ווי מיט זיינסגלייכן.

איך בין געשטאנען פון דער ווייטנס מיט פארגאפטע אויגן — א „טשעלאדזשער דופע"! ער האט אויף מיר אויך אזוי געקוקט: כ׳האב אפילו נישט פארשטאנען מיך צו פילן געקריוודעט אדער מקנא צו זיין — כ׳האב אים ליב געהאט.

שבת איז ער אריינגעקומען זיך פארהערן. דער טאטע האט פון אים אנגעקוואלן, גערעדט מיט אים ווי מיט א גרויסן. די מאמע האט אים מכבד געווען מיט שבת־אויבס — אין נייעם סאמעטענעם היטל האט ער אויסגעזעען ווי א חתן־בחור!

איך בין געשטאנען פון דער ווייטנס. דער טאטע מאכט צו מיר:

— זעסט ווי א בחורל לערנט... דו וועסט בלייבן א טשעלאדזשער וואויטעק, א פארבעק. — האט ער האלב אין שפאס צוגעלייגט. די מאמע האט זיך פאר מיר אנגענומען: ער איז דאך נאך א קינד.

דאס האט מיר נאך מער פארשנירט דעם האלז.

דער טאטע האט געוואלט גוטמאכן: ווייסט איר וואס, איר זענט דאך אלטע

חברים... זעצט אייך צו צו דער גמרא און מיר וועלן לערנען.

איך האב אויפגעשטראלט, יינגער געווארן — ניין, עלטער געווארן! — אינגאַנצן נשתנה געוואָרן. עס איז מיך „באפאלן" פרייד, גליק: איך האב געלערנט מיט ברען, מיט א ניגון, „געהארעוועט" פארטיפט, מיט שכל... איך האב געלערנט מיט מיר, מיט דער גמרא... אברהם האט געלערנט מיטן טאטן, ער האט פארשטאנען דעם טאטנס אויסריידן... ער האט געוואוסט וואס רש"י זאגט, אבער ווי א חדר־יינגל.

די מאמע איז געזעסן פון דער ווייטנס, געקוקט אויף מיר, אויף איר „איינבינדערל" מיט גוטסקייט, מיט רחמנות און זיך באוואשן מיט טרערן. דער טאטע האט מיך עפעס יא פארשטאנען און נישט פארשטאנען, ער האט מער אויף מיר געקוקט מיט א פארטראכטן שטערן, ווי אין דער גמרא:

— עפעס שטעקט אין דעם יינג, א דבוק, א גלגול... עס זאל נאָר זיין צום גוטן... „נו, אברהם, וואס זאגסטו צו אים, ער האט כלים..."

האט ער דאָס לעצטע געזאגט מיט אפענער הנאה, אבער אויך מיט באַ־האלטענער זארג.

מיר זיינען ארויפגעגאנגען מיטן טאטן צו מנחה ווי צוויי חברים, ווי אמאל. זיין פאטער, יוסף זשארנאווצער, האט אונז געזען צוזאם, אזוי הנאהבים־והנעי־מימדיק און האט עס נישט גורס געווען:

— אט ווערט ער ווילד־פרום ווי שלמה שוחט, און אט מאכט ער „דראכנס" פון שמות מיט זיין באנאָק...

דער יוסף האט בכלל פון מיינע ווילדע געגג נישט געהאלטן. ער האט אים צוגערופן צו זיך. איך האב געדאוונט מנחה מיט כוונה, מיטן סידורל, מיט גאט... מטעים געווען יעדעס ווארט, „אתה אחד ושמך אחד", ס׳הארץ האט שטיל מיטגעציטערט מיטן שאקלדיקן ניגון:

ביי שלוש־סעודות האב איך מיך נישט געיאגט מיט די יינגלעך ארום טונקעלען מעלעמער. איך האב מיך צוגעזעצט צו אברהמען. די לעכער פון די לעדן האבן נאך סודותדיקער געמאכט די שאקלדיקע שאטנס.

אברהם האט פלוצלינג זיך אויפגעהויבן און ארייננעגאנגען אין דער ווייַ־בער־שול, איך בין אים נאכגעגאנגען ווי א קליין הינטעלע.

ער האט מיר נישט דערציילט די מעשיות פון ספר־הישר, די מעשה מג׳ אחים, די מעשה פון די גזלנים, ער האט מיר דערציילט סודות פון חדר... מעשיות פון גרויסע יינגלעך מיט קליינע יינגלעך...

איך האב מיך געפריידט, אז איך האב אויך עפעס צו דערציילן, א סוד... כ׳האב אים דערציילט די מעשה פון משה זיינערמאכער. ער האט אויפגעלאכט ווי א גרויסער! איך בין ווידער געבליבן זיצן ווי א קליין הינטעלע.

אברהם האט מיך אנגערירט ביי דער באק: „ווייסט, ביי דיר איז אויך אזוי גלאטיק..." דאָס שטיל זאָגנדיק האָט זיין פנים באַקומען א מין נאַריש אויסזען.

ער האט מיך אָנגענומען ביי דער האנט... זיין פנים האט נאך נארישער



אויסגעזען... איך האב געשפירט זיין שווייסיקן, שווערן אטעם... דרינען האט מען אנגעהויבן צו זינגען „אל מסתתר". איך האב ארויסגעריסן מיין האנט פון זיינער, דערשראקן, פארשעמט און אריינגעלאפן אין שטיבל אריין און מיך שטיל צוגעשארט צום טאטן. ער האט דערשפירט עפעס א שרעק אין מיר, ער האט מיך צוגעצויגן צו זיך. ער האט זיך פארדבקהט, געזונגען און זיך געשאקלט. ער האט מיך מיטגעשאקלט אין זיין זינגענדיקן ריטם — — פלוצלינג א געשריי, „כתר יתנו לך אדוני!" און ס׳איז געווארן ליכטיק.

גאנץ יום־טוב האט זיך אברהם געהאלטן פון דער וויטנס פון מיר. ער האט געשמועסט, נאר מיט יינגעלייט, געזאגט פון אויסנווייניק בלעטער גמרא פון „האיש מקדש". ער האט אפילו קיין בליק מיר נישט צוגעווארפן. איך האב מיך אלץ געשארט ביי מיין טאטן און אנגעהויבן נאכצוטון וואס מיין טאטע טוט. איך האב מיך געהיטן א בליק אברהמען צוצוּוואַרפן.

אברהם איז באלד נאך יום־טוב צוריקגעפארן קיין בענדין. אין שטיבל האט מען גארנישט אויפגעהערט ריידן פון זיינע פיפציק בלאט גמרא. דער טאטע האט מיך אנגעהויבן מער איינצושפאנען צום לערנען.

איך בין טאקע ערשט געווען ניין יאר, אבער גרויס געוואקסן און, זיצנדיק ביי א „שווערן לייענען" האב איך שוין געמאכט דעם איינדרוק ווי א ריכטיקער בחור: מ׳האט מיך שוין, אין א יארצייט געשיקט נאך א פלעשעלע בראנפן... כ׳בין שוין געלאפן אויף אסיפות און מיטגעשריגן.

° ° °

אויף איין אסיפה איז באשטימט געווארן, אז ווען שלמה וועט באפרייט ווערן פון סאלדאטן זאל ער ווערן מורה־הוראה; אבער מיט א תנאי, אזוי ווי ער איז מאטל שוחטס איידעם, דעם ראש־השוחטים פון סאסנאווצע, זאל ער אייניקע וואכן מיטגיין מיטן שווער אין שחט־הויז אריין און יעדן דאנערשטאג, ווען די קצבים שחטן דקות און גסות, זאל ער מיטגיין מיט שלמה שוחט און שטיין ביי דער שחיטה און ביי דעם בדקענען. שלמה שוחט איז אויך באשטאנען דערויף, אבער אויך מיט א תנאי, אז די גערער חסידים זאלן נישט אויפנעמען קיין צווייטן שוחט.

מיין ברודער איז, אלס יינגל, געווען שלמה שוחטס א תלמיד, האט ער געוואוסט ווי א ירא־שמים וועט ער אפהיטן זיין כבוד.

דערווייל בין איך שוין געווען נישט נאר „דעם דיין׳ס זון", נאר דעם מורה־הוראה׳ס ברודער — א גאנצער בחור.

מיין ברודער אין מיינע יארן האט געלערנט אלע טאג ביי שלמה שוחט. ער איז געקומען צו אונז אין שטוב אריין און געלערנט מיט אים א שיעור, דריי שעה אויפן זייגער — ר׳ שלמה שוחט איז געווען אַ מין למדן אַ מרוק.

צי ווייל מיר האבן׳ס זיך עס נישט געקענט מער לייסטן, צי איבער דער מעשה שהיה: מ׳האט געכאפט דעם פרומען שוחט—וואָס אפילו פון זיין אייגענער שחיטה נישט געוואָלט עסן —ביים רוקן דעם זייגער. איך האב שוין די נאכמיטאגס אליין פאר מיר געלערנט אין שטיבל. דער טאטע פלעגט אמאל

ארויפקומען, איז אדער ער האט זיך צוגעזעצט צו דער גמרא, מיך געפרעגט וואו כ'האלט און מיר האבן וויטער געלערנט — דאס איז געווען דער שיעור „פשוט־גמרא", אדער ער האט מיר די גמרא צוגעמאכט:

— האסט שוין גענוג געלערנט. קום, מיר וועלן אביסל שפאצירן.

האב איך שוין געוואוסט, גייען מיר ארויס אויפן גרויצער וועג, אויף דער שטעזשקע צווישן די שטייענדיקע תבואות, איז גוט. וועט ער מיט מיר ריידן איבער הימלען, איבער פייגל, איבער ביימער, דערציילן פונם בענדינער זיידן, וויאזוי מ'לערנט „שיחות חיות ועופות". וועלן מיר ארויף אויף די מילעוויצער־פאיסקאווער בערג, וועט ער גיין פארטראכט, אויסזעען פארזארגט, נישט ריידן. ער וועט גערן זעען מיך קוילערן אין גראז, ארויפקומען צו לויפן און ווידער מיך אראפקוילערן — אבי כ'לאז אים אליין מיט זיינע מחשבות.

— כאפ אריין, כאפ אריין, — האט ער צו מיר געזאגט. ביים אויסדרייען אהיימצוגיין: דו זעסט, איך בין שוין א ייד מיט דאגות. די מאמע ברויך געזונט צו זיין, און אסתר איז שוין א כלה־מיידל.

צומארגנס איז די מאמע מיט אסתרן געפארן נאך פילץ אויף פרישער לופט. אויף שבת איז דער טאטע מיט מיר אהינגעפארן. זי איז געשטאנען ביים שווייגער נישט ווייט פון שלאס. שבת אין דער פרי זיינען מיר געגאנגען איבער די לאנקעס אין שול אריין דאווענען. קידוש האבן מיר געמאכט ביי דער מומע שיינע־קיילע, זי האט געהאט א הילצערן הייזל אינמיטן מארק.

דער שלאס מיט די טוי־צעפונקלטע בערג פון איין זייט, הינטן צווישן די ביימער דער זון־שפריצנדיקער, לויפנדיקער טייך, די אריבערגעווארפענע בריקלעך צום שלאס, און פון דער אנדערער זייט — דער הילצערנער מארק שבתדיק צוגעקערט, יידישלעך־צעשמעקט פון אלע ווינקלען און די ליכטיקע, גרויסע שול מיט די פענסטער צום גרויסן שולהויף. דער בלויער באלטן מיט גאלדענע שטערן און מיט מזלות און די ווענט מיט שופרות, פייקלעך און טראמפייטן — — דאס געהער שוין נישט אין סוג פון מענטשלעכע ווערטער. דאס איז דער גן־עדן אויף דער וועלט: איך בין געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער, אַ נאַר אויפן מאַרק, אַ פאַרשכורטער פונם שאַרפן זשיוויעצעריח, ביז אַהיים, קיין טשעלאַדזש, איז מיר פילץ נאַכגעלאָפן.

און טאקע דעמאלט, ווען די מאמע איז נישט אין דער היים געווען, איז מיט מיר געשען א גרויס אומגליק: אזוי פלעגט די מאמע מיט מיר אריינגיין צום פעלדשער פרייבערג און ער האט מיך אפגעשוירן... איך האב געהאט טענות, אז ער מאכט מיר שטיגן מיטן שערל. יעצט, אז די מאמע איז נישט דא געווען, בין איך געגאנגען מיך אפשערן אין דער ראזורע, אבער ס'איז נישט נאר געווען דאס „מאשינדל", וואס האט מיך אַהינגעצויגן — עס איז געווען די „ראַזורע"!

די ראזורע איז געווען אין דער גרויסער, דריי־גארנדיקער ציגל־קאמעניצע אויף יענער זייט מארק, פונקט קייגנאיבער דער „מאטקע באסקע". „די ראזורע" דאס איז געווען דאס טריפהסטע ארט אין גאנץ טשעלאדזש. דארט האבן זיך



געטראפן „די יינגען", וואס שפילן ליבעס. יענע יידן, וואס שערן זיך און גאלן זיך די בערד און מאכן זיך גערבאלדעס. דארט איז קיינמאל נישט ליידיק געווען. איינמאל האט מען געהערט שפילן א מויל־פידעלע, איינמאל א ציהארמאניקע און יינגען און מיידן האבן דאָרט געטאנצט אין די אָוונטן.

די ראזורע האט אמאל געהערט צו בערישל משומד. האט ער זיך „פארלאפטשעט" אין פאן קאוואלסקיס טאכטער, דעם בעל־הבית פון דער קאמעניצע. אין זיי האבן „כאסלערע" געהאט אין קאשטשיאל.

עס האט זיך עפעס געטון: די גוים האבן דערלעבט אין אונז א נקמה, און מיר האבן זיך געשעמט די אויגן אויפצוהויבן. דער וואויט האט אים געשענקט א בריטשקעלע אויף צוויי רעדער מיט א פלינק, זגראבנע פערדל און ער האט פאראדירט איבערן מארק, דא מיט זיין אויסגעפּאַשעט פולכנע יינג ווייב קיין פרייסן, דא מיטן פאן מיכאלסקי קיין סאסנאווצע, דא גלאט אזוי ווי זיך צו רייצן מיט אונז יידן אייניקע מאל ארום איבערן מארק און מיט א שמיץ פלינק אראפ צו דער זשיקע.

„בערישל משומד"! איז געווארן א שפריכווארט, א קללה.

יידל קענזשער, דער בלעכאזש, וואס איז געקראכן מיטן פאטער אויף די דעכער, האט זיך אויך פארליבט אין א שיקסע; האט ער געלעבט מיט איר „נא וויארע". דאס גייט קיינעם נישט אן. דער פאטער נאר איז געווארן א פיאק! אט אט פאלט ער אראפ פון א דאך, אבער יאקאש האלט ער זיך. ער ארבעט צוזאם מיטן זון. אינמיטן דער ארבעט נעמט ער ארויס ס'מאנאפאלקעלע, גיט קוקנדיק אויפן בנאק מיט אויסגעגלאָצטע אויגן א זופ: גיל־גיל־גיל. נאך א זופ און גיט א געשריי:

— „יידל, קרבנות! איך האב געוואוסט, אז דו לויפסט נאך א שיקסע, איך בין אויך נאכגעלאפן". — און ווייטער זיך גענומען צו דער ארבעט. מ'האט ארויפגעקוקט צום אים און געציטערט, ער זאל נישט אראָפפאלן, חלילה.

אין בית־מדרש שבת צו מנחה, ווען יידל איז נאך געווען א יינגל, האט ער שוין געזעען ווי יידל לאזט אדורך דעם פון פארנט, און ער האט שוין געשריגן „יידל, קרבנות!..." בערישל משומד אבער איז געווען די בושה פון טשעלאַרדזש.

איינמאל פארנאכט קומט דאס פערדל אן מיטן בריטשקעלע און בעריש־ליגט פארווארפן איבערן גאנצן געזעס — א טויטער! ער איז „צו שנעל געפארן" און „די בלאז" האט אים געפלאצט...

אין דריי טעג איז געווען דער פאגזשעב! מיר האבן נישט נאר דערלעבט א נקמה אין אלע גוים, נאר אלע האבן בפירוש געזען, אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט...

זיך „אפקומעניש" האט ער שוין געהאט אויף דער וועלט! די יידן האבן געלאכט און די ווייבער — געשמייכלט. פאר אונז קינדער איז אבער געווען דאס ערגסטע וואס ער ליגט באגראבן אויפן צמענטאזש. אלע נאכט האבן מיר געהערט וואויען א הונט אויפן מארק: „בערישל משומד איז ארומגעלאפן"!

אין דער ראזורע, אז זיי האבן מיך געזעען אריינקומען, יענעם ערב שבת־נחמו, האבן זיך די צוויי געזעלן צוגעוואונקען, קוקנדיק אויף מיינע פיאות...

איך האָב זייער צווינקען זיך נישט באַמערק... עס שמעקט דאָ מיט אַזעלכע שמעקעדיקע ריחות, ווי אין אַ שפּיטאל, די צוויי אין די ווייסע כאלאטן קוקן אויס ווי סאמע דאקטוירים; און די שטול, אין וועלכער דער זעצט מיך, איז אזא ווי ביים „קליינעם פעלדשערל". „טז־ז־ז", לויפט דאס מאשינדל מיר איבערן קאפ, ווי א גריזשענדיק מייזעלע. איך קוק אין שפיגל, גאט! ס׳בייסט און — באַך! א פיאה זע איך פאלט אראפ. איך לאז ארויס א געשריי און די צוויי יינגען צעלאכן זיך.

איך בין אהיימגעלאפן מיט א געוויין, צוהאלטנדיק דאס ארט, וואו די פיאה איז געווען.

דער טאטע האט צו מיר געזאגט: „מ׳גייט נישט אין דער ראזורע אריין זיך שערן, דארטן אהין גייט מען זיך גאלן".

די וואכן וואס די מאמע איז געווען אוועק מיט אסתרן איז די באבע צוריקגעקומען פון מילעוויץ, האט זי מיך געטרייסט:

— ס׳זאל אזוי צוריקקומען די פרנסה ווי די פיאה וועט צוריקוואקסן!

כ׳בין ארומגעגאנגען מיט איין פיאה און די אנדערע באק צוגעבונדן, ווי כ׳וואלט געהאט צאן־וויטאק. דער פעטער חיימל האט געלאכט, זיינע קינדער האבן שוין נישט געטראגן קיין פיאות; בער האט געהאט שטיקלעך הינטער די אויערן. ווען ס׳האט אנגעוואקסן אביסל, האט מיר די באבע די **אנדערע** פיאה אויך צוגעשניטן און ביידע געלייגט הינטער די אויערן.

ווען די מאמע איז צוריקגעקומען, און איך האב מיך געכאפט דערציילן די גאנצע מעשה, האט זיך פריילעך צעלאכט, ווי אמאל אין די גוטע צייטן:

— א יאר אויף מיר ווי ס׳איז שענער אזוי, מיין קינד! — און מיך ארומגעכאפט און געקושט: מיט דיינע צעשויבערטע גראָבע פיאות האָב איך דאָך מורא דיר שוין אַ קוש צו טון...

אסתר, מיין עלטערע שוועסטער, מיט דער ביטערקייט פון א „פאַרזעסן" כלה־מיידל, וואס מ׳כאַפּט נישט אויס, מאכט צו מיר:

— פארוואס האסטו דיר נישט געמאכט קיין גערבאלדעלע, ווי „לעבן"?...

עס איז שוין געווען לאנג נאכן גרינעם דאנערשטאג, נאכן בלעקעצן אלע פארנאכט מיט אנגעצונדענע, וואקסענע ליכט ארום דער מאטקע באסקע. דער מארק איז פול מיט די ליפע־בלעטער, וואס פאלן פון דיביימער. מיר יאגן זיך ארום מיטן שופר ארום מעלעמער, מיר רייסן אים ארויס איינער פון צווייטן, זיך צו לערנען בלאזן. די צייט פונם זשניווע־אָטפוס, ווען עס קומען אלע פויערים פון די דערפער אזש ביז שעווער. אלע גאסן און געסלעך ארום מארק, ארום דער „טומאה" זיינען באשטעלט מיט וועגעלעך מיט אויסגעשפאנטע פערדלעך, זיי שטייען מיט די קעפ אין די וועגעלעך, קייען און פון פארנט שמייסן זיי מיט די ווידלען. די זשרעביקעס לויפן מיט בריקעדיקע פיס, בלייבן שטיין ביי די געוועלב־טירן און קוקן אריין, הירזשענדיק: „זיי בעטן א קלעצל צוקער..."



שוין די טעג פארן קערמיס איז פאר אונז קינדער געווען א לעבן. מיר זיינען געשפרונגען איבער די קאזשלעס, פון איין סטראגאן אין צווייטן, געשפילט „באהעלטערלעך" אין די פאטשערקע־בודקעס.

פרעמדע יידן זיינען געקומען באלד אין דער פרי אויפן הויף, אראפגענומען א טיר פון שטאל, פון בית־הכסא, ארויסגעקוילערט א פעסל און געמאכט זיך „א שטעל". „דער ייד מיט די בוקעס" איז אויך אַרויסגעקומען.

דער ערשטער, וואס האט זיך באוויזן אין מיטן מארק, דער סאכערמאראזשניק, א קאצאפ מיט א פעסל אויפן קאפ און געשריגן: „סאכערמאראזשענע, סאכערמאראזשענא!" מיר זיינען נאכגעלאפן און געשריגן: „קראץ מיר די לייז, קראץ מיר די לייז!" ער קומט נישט נאר אויפן קערמיס, ער באוויזט זיך אין א פראסטן מיטוואך אויך. דער ריזיקער קאצאפ טרייבט נישט אוועק פון זיך, ער קען אונז זשידקעלעך: וועט ער זיך נאר אריינדרייען אין טומאה־געסל, וועלן מיר צולויפן צו אים מיט קאפיקעס און שנעל אויפעסן אונזערע פארציעס פון זיינע „טריפהענע" טעלערלעך...

אין א שעה שפעטער זיינען שוין אלע בודקעס און שטעלן אויסגעפאקט: די פאטשערקעס און ליאלקעס, טראמפייטערס און פייקלעך, טאטשקעלעך און פערדעלעך. און אזעלכע בערן, משוגע צו ווערן — —

אויבן דער טערק איקווייסן כאלאט און אין רויטן קאפל האקט מיט אזא מין העקעלע אזעלכע קלעפיקע זיסיקייטן! און דער גוי מיטן הענגל לופטבאלאנען אויפן גרויסן שטעקן מיגניעט אין דער זון מיט טויזנט קאלירן.

עס האט זיך נאך געהאלטן אין איין צוגרייטן: א פארשפעטיקטער ייד לויפט אן:

— זייט זיך מרחם, גיט מיר א בענקל, א ברעט, צו קענען אויספאקן!

מאנעלע פון דער זודע־פאבריק, העניעכס שתוף האלט אין איין אנטרייבן זיין דעכעדיק פערדל און פערקלינגט דעם גאנצן קערמיס מיט די קעסטלעך פלאשן, וואס ער לאדעוועט זיי דווקא אן ביים חזירניק וואס פארשטינקט א האלבן מארק מיט זיינע קאלבאסעס.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען ס׳גייעס האט זיך א לאז געטון צום קאשטשיאל: אזעלכע מאדנע פנימער, קיילעכדיקע און קאנטיקע, רויט־שוויצנדיקע, די טיכלעך רויט־גרינע און באבלימטע, אויף שפיץ־קאפ פארקניפט פלאטערן ווי פליגעלעך. און די ספודניצעס איינע איבער דער אנדערער, איינע איבער דער אנדערער, און אונטן קוקן נאך ארויס רויטע האלקעס און ווייבערישע הויזן מיט שפיצן און פולע הענט מיט צלמלעך און קרעלן.

די פויערים אין די ברייטע קאפעלאטשן און סוקמאנעס, און די קינדער — פונקט אזעלכע פייערלעך, קליינע און לאכעדיקע, מיט פינקלדיקע אייגעלעך.

דער מארק איז אין איין מינוט פול געווארן, געפאקט ווי פרייטאג דאס געוועלב פארן צומאכן: די מוידן, די באבעס האבן זיך געשטופט ביי די קרעלן און פאטשערקעס, און פויערים מיט פנימער, פעטע צעגלאַנצטע, גייען פונם קאלבאסניק צו מאנעלען און פון מאנעלען צום קאלבאסניק. און די קינדער

שטייען מיט פינקלדיקע אויגן פאר די בודעס, און ציען די מאמעס ביי די ספּודניצעס.

איך געדענק, די ניאנקע איז געשטאנען א פארצווייפלטע איבער מיר און האט געוויינט: מיך טראגנדיק אין ארעם איז זי, ארויף אויף א קארוסעלע צוזאם מיט די שיקסעס און די שקצים געשריגן און געלאכט און זיך געפריידט. די קארוסעלע שטעלט זיך אפ, זעט זי, אז איך ליג א האלב טויטער אין אירע הענט. אזוי האט זיך מיר, מסתם, דער קאפ פארדרייט פון דעם ווילד קארוסעלע־געדריי. „מאטקא באסקא“, מאטקא באסקא“, געוואלדעוועט זי און רייסט זיך די האר און חברה שקצים און שיקסעס ארום שטייען און לאכן.

דאסמאל בין איך שוין געוועזן עלטער, איך בין שוין אויפן „אייגענעם פוס“ ארויס אויפן קערמיס. כ'בין אהיימגעקומען א פריילעכער מיט א בער דריקנדיק אין ארעם. די מאמע, ארויספלאצנדיק אין א געלעכטער, האט מיך גענומען פארן הענטל און מיך געפירט פון איין בודע צו דער צווייטער.

— האסטו דא גענומען? האסטו'ס דא גענומען? — ביז איינער האט מיך דערקענט... די מאמע באצאלט פאר דעם בער און ביידע צעלאכן זיך — איך אבער האב מיך שטארק צעוויינט: עפעס האט מען מיך געכאפט... ביי ערגערס ווי ביי צונעמען עפּעס... עפעס פון אינעווייניק.

פארנאכט איז דער מארק געווען פול מיט פאפירן, צעטרעטענע שאכטלעך, צעבראכענע קעסטלעך. די ליידיקע שטעלן זיינען נאך געשטאנען און מיר קינדער האבן געהאלטן אין איין זוכן. געפונען געלט־שטיקלעך, שטיקלעך שפּילצייג און צעשאטענע קרעלן, און געשפרונגען פון איין בודע אין דער אנדערער.

פלוצלינג, מיט א מין שרעק, געבן זיך א שאט ארויס מיט „הוידאנגא“־געזאנגען פון גרויצער וועג, זיי קומען פון די פּאָלוואַרקעס, פון די שעווערער פריצים, א מחנה קאסאזשעס מיט צעפּעס און קאסעס אויף די פלייצעס, ביי די זייטן אויף די פאסקעס די שלייף־שטיינער, די הילצערנע בעכער, די אייזן־שלייפן און פיילן; א צעשאסענער פולק, וואס קומט אהיים פון א מלחמה, פון א פּאַוּסטאַניע, אפּגעשליסן, אפגעריסן, אין שינעלן מיט מעשענע קנעפּ, אין פוטערנע היטלען, מיט זייערע בארוועסע פיס, ברייט־צעטרעטענע, בלאטיק־פארשטויבט אין די רינשטאקן, זעצן זיי זיך אויס אויף די ברייטע פאטשענעס. זיי טון אויס די היטלען און זייערע שטרויענע קודלעס צעשיטן זיך ווי די שווערע זאנגען־קעפ פון געבונדענע סנאפּעס.

פון טומאה־געסל ציען אן די דזשיאדקעס, לאמע און בלינדע בעטלערס און יינגע בעטלערקעס. זיי האבן היינט געהאט א גוטן טאג און זיי זיינען אויפגעלייגט, זעצן זיי זיך צו זיי צו באריידעוודיקע און פריילעכע. זיי צעעפענען די גרויסע טארבעס, פון וועלכע ס'גייט ארויס אזא מוראדיקער חזיריש־אייליקער ריח, אז דער גאנצער מארק ווערט פול דערמיט, און עס הייבט זיך ערשט אן דער אמתער יום־טוב. פייערן ווערן צעלייגט און מ'פראזשעט און מ'בראט און פלעשער בראנפן נעמען גיין פון מויל צו מויל.



באלד נעמט א בלינדער דזשיאדעק גרימפּלען אויף א באנדורע, א צווייטער ציט א הארמאניקע, א קאסאזש מיט א בעטלערקע טאנצט א מאזורקע — ס'ווער לעבעדיק! דער ביליקער בראנפן אין חזירישער גערוך — — עס טשאדעט אין קאפ: א פילער מארק מיט טאנצדיקע בערן...

פון די שוועלן פון די געוועלבער ווערט א גערוף נאך די קינדער. מיר צעלויפן זיך דערשראקענע. די פאר געוועלבער פארמאכן זיך שנעל. האט מען מורא פאר די קאסאזשעס, פאר דעם בלינדן בעטלערס שפּילן וואס דרייט צום טאקט אזוי ווילד מיט די שכורע אויגן? וויל מען זיי נישט שטערן די שמחה?...

שפּעט אין דער נאכט קלאפּן זיי אין די געוועלב־טירן. זיי ווילן מאכורקע, בעטן וואסער פאר די קעסעלעך; עס גייט אזוי אן ביז נאך האלבער נאכט, ביז זיי פאלן אנידער אויף די פאטשענעס מיט די טארבעס צוקאפּנס, און איינער שנארכט העכער פונם צווייטן.

ווען מען גייט אין דער פרי אין שטיבל ארויף, זייפן זיי זיך די מארדעס מיט שטיקער זייף און גאלן זיך מיט די קאסעס, אראפּגענומענע פון די שטעקנס, שניידן גרויסע „לאכמעס“ ראזאווע ברויט מיט קאזשיקעס. מאנכע ליגן נאך מיט די שווייסיקע קעפּ ביי די בעטלערקעס אין די שויסן און זיי לויזן זיי:

— עישו... וואס פעלט זיי?... וואו ס'לייגט זיך אנידער ליגט עס מיט א רואיקן קאפּ... — עס איז געזאגט געווארן מיט יידישלעכן חוזק, אבער מאדנע

— נישט אן א מין קנאה!...

מ'מערקט אין די געוועלבער אביסל לייזעכטס, די בעטלערקעס נעמען זיך אויך אפ דאס זייעריקע. מיר קינדער שטייען שוין אן שום מורא ארום דעם בלינדן בעטלער, מיט דער באנדורע ער גרימפּלט אזוי סמוטנע, אז דאס הארץ ווערט צענומען, די בלינדע אויגן דרייען זיך אים איצט שוין רואיק און מילד — מיר קוקן אויף אים מיט רחמנות!

נאכמיטאג הערט מען פון דער פּשעדמיעשטשע, מארשירן, דאס קומען זיי — די יינגע פאראבקעס פון די ווייטע דערפער, וואס פארקויפן זיך כאפּטעס־ווייז אין די פרייסישע גיטער אויף א גאנצן זומער, — דאס קומען זיי פון דער גרענעץ, אנגעשלאסענע מחנות, יעדע פארטיע מיט איר פאר־ארבעטער, וואס טראגט דעם קאנטראקט מיטן פּאס ביי זיך אין בוזעם. זיי גייען אהיים אין זייערע ווייטע דערפער.

זיי מארשירן אין רייעס, צו דריי, ווי פּיעכאטע־סאלדאטן; אלע אין די געלגרי־זעלבע ביליקע, נייע אנצוגן, פעסטע גענאגלטע שיך, און אין פילצענע געלגרינע שלעזישע קאפּעלושלעך, מיט פעדערלעך אין דער זייט. זיי מארשירן אויף יענער זייט מארק, פאר דער אפּטייק, פאר דער גרויסער מיכאלסקי־קאמעניצע, פאר דער ראזורע, זיי מארשירן דירעקט אריין אויפן בענדינער וועג, זיי קוקן מיט שטעכיקע אויגן אין די יידישע געוועלבלעך אריין.

די חברה אויף די פאטשענעס כאפּן זיך שנעל אויף, כאפּן שנעל די צעפּעס, די קאסעס ווי די ביקסן אויף די פלייצעס אויפשליסן אן ביים סוף פונם מארש, מיט זייערע דרעפּטשעדיקע נאקעטע פיס.

די דזשיאדעס בלייבן איבער אין טשעלאַדזש, זיי שטעלן זיך אַרום מיט פאַרגלייזטע אויגן און געבלעקעץ אַרום די מאטקע באסקע, דעם פאמניק, וואס שטייט צווישן די ליפעס צעפלויגענע מיט וויאנע־בלעטער איבערן גאנצן מארק. עס יאגט אזא ביקזער ווינט פונם שטויב, וואס הייבט זיך פון זייערע פיס, פון דעם דזשיאדע־געמאדליע, פון די פליענדיקע בלעטער — עס פילט זיך ימים־נוראימדיק אין דער לופט. דאס הארץ נעמט קלאפן מיט שרעק, מיט פרומקייט, עס איז אזוי סמוטנע אויפן געמיט: די באבע נעמט זיך גרייטן צו פארן אויף קבר־אבות קיין פשערעוו צו איר זיידן דעם „איינבינדערל״.

איינמאל האט מיך די באבע מיטגענומען: מיר זיינען אריינגעפארן אויפן בריקל מיטן וואגן, האט דער דישעל ארויסגעקוקט אויף דער אנדערער זייט, מיטן סטאן פון הינטן — א שטעטל פון הימל אראפגעקומען, א יענע־וועלטיקס, א נישט־דאאיקס, א שטעטל צו נעמען עס אין דער האנט אריין און עס צוצודריקן צום הארצן.

דער מארק, דאס שול־געסל, דער בית־עולם... ס׳בעטשן קאזעלעך, פון בית־מדרש דער גמרא־ניגון... דער מענה לשון־געוויין... וואו הייבט זיך אן? וואו לאזט זיך אויס? יעדן שטרוי־דאך אנצוטאפן מיט דער האנט! דער בית־חיים־צוים איינגעפאלן: גייען ארום מתים־שאטנס? קוקן די מצבות מיט „פ. נ.״־לעבעדיקע אויגן? מיט בענטשנדיקע הענט?

די באבע, ווי איר שטייגער, איז פלינק ארויסגעקראכן פון דער פור, אנגעלאדן מיטן קרבן־מנחה סידור, מעבור יבוק און „מענה לשונס״. אויפן בית־החיים האט אויף איר שוין געווארט די מומע שיינע־קיילעביים קבר פון „איינבינדערל״. אן א ווארט ארויסצוריידן האט די באבע אנגעהויבן אירע „געאכפערטע״ ווערטער מיט א ניגון, מיט א חיתוך הדבור ווי צו א לעבעדיקן, נאר ווי יענער וואלט, געווען מסתם... אביסל טויבלעך... דערנאך האט זי זיך גענומען צו אירע סידורים און יידיש־טייטש ספרימלעך. די מומע שיינע־קיילע האט נישט געוואגט דאס מויל צו עפענען. זי איז געשטאנען מיט אירע שמייכלדיקע טרערן־פארלאפענע אויגן און זיך געשאקלט צום ריטם פון דער באבעס זאגן און זאגן.

מיר איז עס, אפנים, אביסל צופיל געווען און איך האב מיך ארויסגעדרייט מיטן פנים צום מארק. שמאלע רויכעלעך ציען זיך פון די האלב־איינגעפאלענע קוימענדלעך... אט־אט צינדן זיך אן די שטרוי־דעכער אָן אט־אט צעשפרייטן זיך די טויזנט פליגלען פון די געפענטעטע גענז און יינגע קאַטשקעלעך און דער מארק פליט צוריק אין הימל ארויף; די ווייבער אבער אין די קאפקעס זיצן זיך רואיק ביי די קאשיקלעך מיט אסילקעס פוטער, מיט גאמלקעס, מיט קעזלעך, מיט די דייזשע־צווארעך. ביי די טישן זיצן קליינע יידעלעך מיט אזעלכע פיטשענדיקע בלויע פלוימענדלעך, רויטע בארנדלעך: צוויי קווארט פאר א דרייער, צוויי קווארט פאר א דרייער. זיי רופן נישט אויס די סחורה, זיי דאווענען זיי אויס מיט אַ טרויעריקן ניגון.

איך גיי צו צום ייד און גיב אים א קאפיקע:



— הייב אויף די פאלעס, יינגעלע! — באפעלט ער מיר, ווי מיך אפצו־שמייסן, און ער שיט מיר אָן איין פאלע מיט פיטשעדיקע בלויע פלוימענדלעך און איין פאלע מיט די רויטינקע, חנוודיקע בארנדלעך.

איך האב מיך געבלאנקעט אין דעם ענדלאזן, גרענעצלאזן שולהויף־בית־החיים־בית־מדרש געסל און געגריזשעט און געקייט, מער קערלעך אראפגע־שלונגען ווי אויסגעשפיגן — ווער קאן אנטאפן מיט דער צונג אזעלכע פיט־שינקע קערעלעך? א, וואלט אברהם דא מיטגעווען און מיר געהאלפן עסן פון די פאלעס!

אויפן וועג אהיים פארנדיק האט מיר דער בויך אנגעהויבן גרימפלען און דרייען, איך האב מורא געהאט דער באבען צו זאגן א ווארט. ווען מיר זיינען אהיימגעקומען בין איך געווען מער טויט ווי לעבעדיק. איך האב געבראכן די גרינע גאל און קערעלעך און קערעלעך...

די מאמע האט געבראכן די הענט, איז געלאפן אין שפיטאל אריין נאכן קליינעם פעלדשערל. ער האט מיר געגראזשעט מיטן פינגער און גערעדט צו מיר יידיש:

— איך ווייס אלץ, זאל איך דערציילן?... — ער האט מיר צוגעהאלטן פאַרזיכטיק, ס׳זאל מיר נישט וויי טון, די צוגענייטע נאז, מיט די פינגער, כ׳זאל נישט שפירן דעם ריח און מיר איינגעגעבן א פולן לעפל מיט ריצינ־אייל.

די באבע, נעבעך, האט זיך געפילט שולדיק, — זי האט זיך אויך ווי פאר־שעמט פאר איר זיידן, דאס איינבינדערל! — זי האט זיך נישט באוויזן פון איר שטוב. מען האט זי רק געהערט זאגן און זאגן. זי האט אפילו נישט געוואגט אריינצוברענגען א שטיקל אפגעשפראכענעם צוקער; זי האט מורא געהאט פאר א פסק פון טאטן:

— וואס פארדרייט איר א קאפ מיט אייער כענטשינעם קאנדל־צוקער...

פארנאכט, ווען אברהם איז געגאנגען פון חדר, איז ער געקומען צו לויפן. מיר איז שוין געווען בעסער, און האב אים געהאלטן אין איין דער־ציילן פון די וואונדערלעכע, רויטינקע בירנדלעך און די קליינינקע, פיטשעדיקע פלוי־מענדלעך, און נאך קלענערע יידילעך — „איינבינדערלך״...

דער טאטע האט זיך מיט גרויס הנאה צוגעהערט צו אונזער חברישן שמועס און צו אונז געזאגט מיט א מין סמוטנער בענקשאפט, דערמאנענדיק זיך, מסתם, אין יענער צייט, ווען ער האט געלערנט אין ווידאמע ביים „פלאוונער״ רב ווען ער האט דארט צוזאם געלערנט מיטן ראדאמסקער רבין:

— ווייסט איר פארוואס עס הייסט פשערעוו? עס מאכט „שפע רב״. אזא קליין שטעטעלע און אזעלכע גרויסע יידן! דיין עלטער־עלטער זיידע, דאס איינבינדערל, איז דאך אויך געווען פון פשערעוו, פון „שפע רב״. זעסט, א שטעטעלע דו קאנסט עס אריינלייגן אין דער הויזנקעשענע און עס האט א רב, א רבין, דיינים, און מיר דא, דא אין טשעלאדזש — מ׳האט געזעען, ער האלט זיך איין צו זאגן „דופע״ — א שטיקל מורה־הוראה אויפצונעמען וואס דא

טוט זיך.

דאס לעצטע האט ער שוין נישטגערעדט צו אונז, נאר צו דער באבען. זי האט שוין געהערט אין שטוב, אז ס'איז נישט, חלילה, „די כאליערע"; זי אין איר שרעק תמיד פארן טויט האט שוין מורא געקריגן... זי האט זיך אויך געמוזט הערן ווי דער טאטע דערמאנט איר „איינבינדערל".

זי איז צו מיר צוגעגאנגען און מיר צוגעווארפן א גוטן־באבעשי בליק, מיך קושן האט זי נאך מורא געהאט: טאמער איז דאך די... בעסער איבער־צווווארטן... דאס „קליינע דאקטארל" איז נאך נישט איר גרויסער דאקטאר...

נישט נאר מיר האט זי צוגעווארפן א גוטן בליק, נאר אויך אברהמען. זי האט בפירוש איינגעזעען ווי נויטיק ס'איז פאר מיר אברהמס חברשאפט...

* * *

דאס יאר ימים־נוראים בין איך שוין געווען א דערוואקסענער בחור. די הייליקע טעג, די אלול־שרעק, דאס אויפשטיין צו סליחות האבן מיך געמאכט אינגאנצן „סטאלע". ראש־השנה און יום־כפור ביים מוסף, ביים חזנס זאגן די הויכע שמונה־עשרה, נישט נאר כ'האב מיך שוין נישט געשפילט מיט די קינ־דער אויפן הויף, נאר אפילו צו אברהמען נישט צוגעווארפן קיין בליק. דער טאטע האט געקוקט אויף מיין פרומקייט און אויף מיר, ווי רחמנות געקריגן. ער האט צו מיר אפאר מאל צוגעשמייכלט און קיין פריילעכן בליק פון מיר נישט געקענט ארויסקריגן:

— ביסטו ברוגז מיט אברהמען? אויף דעם איז דאך יום־כפור, מ'זאל זיך איבערבעטן...

איך האב אים גארנישט געענטפערט. פלאמעס האבן געמוזט שפילן אויף מיין פנים. אין מיר זיינען אנגעגאנגען גרויסע ראנגלענישן. דער טאַטע האט געזען, אז אין מיר קומט עפעס פאָר...

פלוצלינג, דער חזן הייבט אן צו זאגן „ומפני חטאינו", גיט דער טאטע מיך א כאפ ארונטער אונטערן טלית; דער טאטע שטייט און שעפטשעט, זאגט א תפילה, זיינע הייסע טרערן רינען איבער מיינע באקן, א ציטערניש גייט איבער מיין גאנצן לייב, איך כאפ אויף נעמען פון מלאכים, ווערטער, מאנכע פארשטיי איך...

ער רוקט ארויף דעם טלית. עס איז ליכטיק, דער חזן זינגט אזוי פריילעך, אוז מיר איז אזוי גוט. די גאנצע וועלט איז אזוי גוט. שלום לעדער־סוחר קומט צו צום טאטן מיט א שמעק־טאבעק. ווילאנג איז, ווי מיר קינדער האבן געש־פילט „א חתונה" אויפן הויף, — איך בין געווען דער חתן און זיין אייניקל, וואס איז דא געווען פון בענדין ביי אים אויף יום־כפור, איז געווען די כלה.

דער אלטער שלום לעדער־סוחר האט געטון א טיפן שמעק און מכבד געווען דעם טאטן, קוקנדיק מיט הנאה אויף מיר:

— אייער אברהם־נחום איז שוין א גאנצער חתן־בחור. — איך האב מיך שנעל אויסגעדרייט, זיי זאלן נישט זעען, אז כ'בין רויט געווארן.

דער טאטע האט דערזעען מיין סיטואציע:



— גיי דאך אראפ, האסט שוין גענוג געפאסט.

כ'בין אזוי דאנקבאר געווען דעם טאטן! דער אלטער שלום מיט זיין שמעק־טאבאק... מיט דעם לעדערנעם ריח, וואס גייט תמיד פון אים... ווי כיטרע ער האט דאס געשמייכלט, פונקט ווי דעמאלט...

ווילאנג איז עס? אפאר וואכן נאך מיין ברודערס חתונה... אברהם איז נאך נישט געווען... באלד נאך מיין „חומש־סעודה".

אויבן פון שטיבל האבן מיר געהערט דאווענען, פון „ווייב־שטול" דאס יאמערן און מיר אין קעלער פראווען א יידישע חתונה מיט אַלע פיטשעווקעס. נאכן „באדעקנס", — ביי אונז איז אויסגעקומען חופה און באדעקנס איינס און דאס זעלבע, — האבן מיר ארויסמארשירט אויפן הויף ווי א כאסלערע פון טומאה ארויס; איך פירנדיק די כלה אונטערן ארעם, בין געווען טויט־ערנסט. פארנט זיינען געגאנגען די „מוזיקאנטן", געבלאזן מיט די פיסקעס און איינער האט געקלאפט אין א טאפ אריין.

אויבן, אין שטיבל, — ס'איז געווען בשעת הפסקה, גראד צווישן מנחה און נעילה, — האט דער עולם געקלעפט ביי די פענסטער און געלאכט מיט גרויס הנאה; איך בין געווען אזוי פארטון אין שפילן, אז כ'האב גארנישט געזעען.

וואונדערלעכע טעג זיינען דאס געווען, די דריי־פיר טאג פון יום־כפור ביז סוכות! אלץ, דאס צורעכטמאכן די יאר־סוכה, דאס פריוון דעם „שלאק", זי אויסטראיען, דאס לייגן דעם גרינעם סכך, מיט די קאלירטע „קייטן" און „שלאנגען" האט זיך פארוויקלט מיט אזא ווארטנדיק־ליכטיקן וואונדער — און זע: דער גרויסער בער טאַנצט און טאַנצט, און ער ווערט אַלץ קלענער און קלענער — א טאַנצנדיק מענטשעלע, אַ טאַנצנדיק מיידעלע, א כלהלע אין אַ שלייערע פאַר די אויגן —

דעם ערשטן טאג סוכות, אין מיין נייעם יוביצל און סאמעטענעם היטעלע בין איך באלד אין דער פרי אריבערגעלאפן צום אלטן שלום לעדער־סוחר. כ'האב מיך געגרייט צום באזוך און גארנישט געקענט דערווארטן דאס זעען פון „מיין כלה"... אויפן וועג האב איך מיר נאך געקרייזלט א פיאהלע, געפוצט א שטיוועלע אין א נאגעוויצע פון די נייע הויזן...

ווען כ'בין אריינגעקומען, האט מיך דער כיטערער פוקס, שלום, מקבל־פנים געווען ווי אן אמתן חתן. ער האט געמערקט ווי איך זוך מיט די אויגן. דערזעען מיין באשיינפערלעכע פארלעגנהייט. ער האט זיך געמאכט באוואונ־דערן מיינע נייע שטיוועלעך מיט די לאקירטע כאלעווקעלעך:

— ווייסט נישט? בלומעלע איז שוין צוריקגעפארן, זי האט דאך שוין א חתן אין בענדין... האסט שוין אתרוג געבענטשט? געב דאך אים אריין א „קינדל"! — האט ער אריינגעשריגן אין קיך אריין, מיט אַ טאָן, מיר צו טון אַ בערישע טובה.

— כ'האב נאך נישט אתרוג געבענטשט — האב איך מיט א פארשנירטער קעל מער אויסגעוויינט ווי אויסגעשריגן און ארויסגעלאפן: עס איז נישט

געוועזן וואס זי האט שוין א חתן. ניין, נאר וואס דער כיטערער פוקס האט מיך דערטאפט . . . מען קאן זיך גארנישט געווג אויסהיטן פאר זיי . . . אלץ דערזען זיי מיט זייערע בליקן . . .

ווי דאנקבאר כ׳בין געוועזן דעם טאטן, דעמלט, יענעם יום־כיפור, נישט נאר איבער דער סיטואציע מיטן אלטן שלום, נאר כ׳האב מיטאמאל שוין דערפילט, אז דעם טאַטנס כחות וועלן מיר ביישטיין אין אַלע מיינע ראַנגלענישן.

## לאנדאן קולטור ידיעות

דער באַנקעט איינגעאָרדנט פון דער קולטור־געזעלשאַפט און אַ רייע קולטור־אינסטיטוציעס לכבוד דעם דערשיינען פון דר. מייטלים בוך: די שבחים פון ר׳ שמואל און ר׳ יודא חסיד״ האָט געטראָגן אַ גייסטיקן כאַראַקטער. דר. י. מייטלים, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין קולטור קאָנגרעס אין ירושלים מיט פאַרטראַג איז צוריקגענומען פון זיין נסיעה.

אינם יובל קאָנגרעס פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין דער שווייץ האָבן זיך צווישן אַנדערע יידישע שרייבער באַטייליקט דר. אהרן שטיינבערג, יוסף פרענקל א.א.

דאָס יידישע טעאַטער אין גרענד־פּאַלעי האָט שוין אָנגעהויבן שפּילן „בענעפיטן״ — די ערשטע אויפירונג איז געווען א גרויסער דערפאָלג.

דער שרייבער און מלומד דר. משה אַבערבאַך, דער ביבליאָטעקער פון „דזשואיש קראַניקל״ איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ לעקטאָר אין סעמינאַר אין באַלטימאָר. מיר ווינטשן דעם יינגען געלערנט און תלמיד חכם א האַרציק צאכם לשלום.

דער ראש ישיבה פון עץ־חיים, הרב גרינשפאן א מחבר פון וויסטיקע ספרים איז נפטר געוואָרן, דעם גרויסן גדול התורה האָבן מספיר געווען דער טשיף־ראביי און די ראשי ישיבות אין ענגלאַנד.

אין דער טרויער אַקאַדעמיע לזכרון פון י. י. טרונק ז״ל איינגעאָרדנט אין אַדלער האָבן מספיד געווען דעם גרויסן נפטר דר. יעקב י. מייטלים, א. מ. קייזער וו. פּאָדאָלסקי, לוציאַן בליט, א. נ. שטענצל דעם פאָרזיץ האָט געפירט בערל ראָזנער.

דאָס אַקטיאָרן פּאַרל סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַדאָ זיינען צוריק געקומען פון אַ טור אויפן קאָנטינענט. קומענדיקן חודש גרייטן זיי אַ וואָרט־קאָנצערט אין לאָנדאָן.

קומענדיקן חודש וועלן ווידער אָנהויבן די וועכנטלעכע סעמינאַרס ביי פריינט פון יידיש לשון.

די געטאָ אויסטשעלונג, וואָס איז מיט גרויס־דערפאָלג אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן, וועט אויך אויסגעשטעלט ווערן קומענדיקן חודש אין די גרעסערע פּראָווינץ שטעט אין ענגלאַנד.

מאיר צעלניקער איז אויף א טור אין ישראל, ווו ער וועט אויפטרעטן ווי א סטאַר אין קלאַסישן יידישן רעפּערטואַר, ער זאל אויך שפּילן אין „סוחר פון ווענעציע — שיילאָק. מיר ווילן נישט נאר אויסדריקן אין צאתכם לשלום דעם גרויסן אַקטיאָר, נאָר אויך, אַז א כבוד פאַר אונזער ישיבה אַרויסצוטיקן א קינסטלער פון דעם קאַליבער צו באַווייזן זיך דאָרט אין זיינע פיינע בינע־קרעאַציעס.

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער**

שבת, דעם 9׳טן סעפּטעמבער — ראש־השנה־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור.

שבת תשובה, דעם 16׳טן — יעקב ריכטיקער רעפעראַט איבער יוצרת און פיוט דער אַקטיאָר און זינגער לעאָן בלומענזאָן וועט זינגען ימים־נוראים מאָטיוון.

שבת, דעם 23׳סטן סוכות־מאָטיוון אין דער יידישער פּאָזיע.

שבת, דעם 30 שמחת תורה־הומאָרעסקעס.

יעקב און בתיה ריכטיגער ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך, קרובים און פריינד א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, איידעמס, אייניקלעך, אַ כתיבה וחתימה טובה.

אברהם שפיגלמאַן און פרוי, ווינטשן זייער קינדער אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך און אַלע זייערע קרובים און פריינט אַסך גוטע געזונטע יאָרן.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

שלמה יאַקובאָוויטש, פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אַלע יידן אַ גוט יאָר.

מארי ביעטש, פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון״ א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה טובה.

סיידי שעני פון 463 קאמערשל רויד א.1., ווינטשט איר ברודער, און פאמיליע און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זיירע שוועסטער און ברודער, קינדער און דאס ליבע אייניקל, פריינד און גאנצע משפחה אַ רואיק און גליקלעך יאָר.

לואיס קויהען און פרוי ווינטשן אַלע זייערע פריינט און משפחה, א כתיבה וחתימה טובה.

מרס. שרה לאה האָכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייען יאר.

יהושע שינדלער און פרוי ווינשט אַ כתיבה וחתימה טובה אַלע זיינע פריינט און כל ישראל.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אַמעריקע, אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאבאטשניק ווינשט אירע קינדער און אלע פריינט א גוט יאָר.

סעם לעף און פרוי ווינטשן אלע פריינט פון יידיש לשון א גוט יאר.

בן ציון שולמאן ווינשט זיין פאמיליע, פריינט און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה תכתבו צו מיינע קינדער און זייערע משפחות און אלע פריינט פון לשון און לעבן — פרץ אקערמאן.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער איידעם, אייניקל, ריטשמאַנס משפחה און פריינט. באַזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון״ די „ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס״ און כל ישראל—אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

אסתר ראטפעדער ווינשט די פאמיליע און אלע בעקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

יעקב און מילע טיילאר פון לידז ווינטשן אלע זייערע פריינט און באקאנטע איאר פון געזונט און שלום.

מר. און מרס. פ. היימאן און פאמיליע ווינטשן זייערע פריינט און אויך פאמיליע אין ישראל א שנה טובה.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל אַ שנה טובה.

איך ווינטש מיין משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה — פרוי י. מאנדלבוים.

סעמועל, 97 ניוראָד „סעקאָנט קלאָטה שאָפּ״ ווינטש אַלע זיינע פריינט אַ גוט יאָר.

משה מארקאוויטש און פרוי ווינשט זיינע זין, שנירס, טעכטער, פאמיליע, מעמבערס פון נעלסאן שול און דעם רבין א כתיבה וחתימה טובה.

אברהם בערמאן און זון דוד פון קלאפטאן ווינטשן אלע זייערע גוטע פריינט א כתיבה והתימה טובה.

לכל משפחתי ברכתי לשנה החדשה שנשמע בשורות טובות מכל אחינו בני ישראל באשר הם שם — ח. נ. בענקוויץ.

איך ווינטש מיין ברודער משה זיין פרוי און קינדער ווי אויך אלע פריינט פון דער יידישער קולטור איבעראל, א געזונט און פריילעך יאר — ל. אלמאן, מאנטשעסטער.

פארזיצערן פון איסט לאנדאן „וויצ״א מרס. אני נאדלער ווינשט די מעמבערס פון וויצ״א, בית ציון און „לשון און לעבן״ א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך, קרובים און פריינט דאָ, אין אַמעריקע און אין אַרגענטינע אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

אברהם בן שמעון און זיין פרוי לאה און זייער זון יהודה ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

אברהם בלום ווינשט כל ישראל און אלע פעלקער א גוט יאר.

מרדכי לאנדער און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, און פריינט און קרובים אַ שנת חיים ושלום.

מיר ווינטשן געזונט און לעבן אלע אונזערע גוטע פריינט — מאיר און דארא ראז.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאר.

נחום שטענצל, פרוי און טאָכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

ר ע ד אַ ק צ י ע   נ א ט י ץ

אליהו פּאַלושאַקס דערציילונג, דאָס ראָמאַן־קאַפּיטל פון משה דאַמב, די רעדעס איבער י. י. טרונק ע.ה. געהאַלטן אויף דער יזכור־אַקאַדעמיע א. מ. קייזערס עסיי א. א. וועלן קומען אין אָקטאָבער נומער „לשון און לעבן".

---

**פריינט פון יידיש לשון** דריקן אויס זייער טיפן מיטליד צו זייער פּרעזידענט, **י. ביעטש**, צום טויט פון זיין קוזין.

מיר באטייליקן זיך און דעם גרויסן צער צוליבן פּלוצומדיקן טויט פון אונזער טייערן פריינט און לאנדסמאן **דוד ביעטש** אונזערע טיפסטן מיט־געפיל צו זיין פרוי, און זון. זייט געטרייסט און דעם גוטן נאמען וואס ער האט איבערגעלאזט. סקערניעוויצער און ראווער הילפס פאראיין.

---

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן"

„ווייטשעפל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-

„שיידעוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-

„ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל 12/6

„טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף 15/6

„פּאַמאַבעט דער כעלעמער פּאָעט", שמואל ווהייט 7/6

יובל־אַלמאַנאַך 15/-

גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל 15/-

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
WHOLESALE WAREHOUSEMEN
Knitwear - Blouses - Underwear

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1

TOWER HAMLETS LIBRARIES

228

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 1־360) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר אָק.־נאָו. 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

נאָכן אָפּקלאַפּן די הושענא'ס... ברוכים הבאים (צו די יידיש אַקטיאָרן פון פּוילישן מלוכה־טעאַטער ** 1

ווייטשעפל (ליד) יוסף לעפּטוויטש 4

דער צווייטער „טרעק" צום מערב אליהו פּאַלושאַק 5

אויף חרובע וועגן משה דאַמב 9

באבי יאר (פּאָעמע) יעווגעני יעווטושענקא 13

יאוש (ליד) שמואל ווהייט 15

אריבער איבער דער בריק (פּראָזע), אַסיען־וואַריאַציעס (לידער) א. נ. שטענצל 15

פון טרונק א' ביז טרונק ב' (נאָכן ארון פון י. טרונק) א. מ. קייזער 41

נאָטיצן פון אַ ליינער מ. אלמאַן 46

„שלא יכשלו בלשונם" (בריוו) ל. ביילי 47

צו דער העברעאישער דערציאונג אין לאָנדאָן, צו אלחנן וואָגלערי באַזוך דאָ, דר. אהרן שטיינבערג אַ בן שבעים, דר. יעקב מיטליסן א רפואה שלימה, יוסף לעפּטוויטשן צום דערפאָלג פון זיין פּרץ בוך. ש. 48

## סעמינארס פאר יידיש וויסן און קולטור

יעדן דינסטיק אוונט, 8 אזייגער, אין קאַנאַן באַנעט־סקול, קאָמערשל סטר. א.ו. קומען פאָר לעקציעס פון באַקאַנטע יידישע געלערנטע און וויסנשאפטלער איבער יידישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע א.א. אָביעקטן. די קורסן זיינען איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון און די ל.ק.ק. יעדער איז איינגעלאַדן איינטריט פריי!

**פרייז 2 שילינג**

אבאָנאָמענט־פּרייז: —26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*